YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv06i07

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 6 Issue 7
February 1924

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 6, Iss. 7)

Keywords

International Ladies’ Garment Workers’ Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies’ Garment Workers’ Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/199

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.)

אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראיי־ניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט װאָרקערס יוניאן

Vol. VI. No. 7. | New York, Friday, Feb [illegible] 1924 | פרייטאג, 15טען פעברואר, 1924 | PRICE 3 CENTS

אויף דער יאגד נאך מיליאנען

דאס זיינען ניט געוועהנליכע, אונבאקאנטע, אבי־ווער־מענשען, וועמען מען האט געכאפט ביים האנד, אלס כאבארניקעס און קאררופציאניסטען.

דאס זיינען „די זיילען פון דער געזעלשאפט", ווי דער אונשטערבליכער איב־סען רופט זיי! דאס זיינען די יעניגע, צו וועמען מיר ווערען אימער גע'מוסר'ט, ארויפצוקוקען מיט ליבע און אכטונג, יע, מיט עהרפורכט. דאס זיינען די, וואס ווערען באטראכט אלס די סאמע זאלץ פון דעם לעבען, זיי שטעהען ענטבלויזט, אלס פשוט'ע זשוליקעס און קארמאנטשיקעס, אלס די שווארצסטע פאררעטהער פון פא־טערלאנד.

דאס זיינען אונזערע קאבינעט־מיניסטארען, אונזערע דזשענעראל אטוירנים, אונזערע סענאטארען, אונזערע מינען־מאגנאטען, וועלכע דארפען עס אונז געבען א ביישפיל פון עהרליכקייט, פון שטאנדהאפטיגקייט, פון ליבע צו געזעץ און ארד־נונג, וועלכע שטעהען איצט פאר אונז, אלס מענשען, אין וועמען עס איז ניט צו געפינען קיין שפור פון עהרליכקייט. זיי, וועלכע זיינען עס אויסגעקליבען און אויס־געזיפט געווארען פון הונדערט צעהן מיליאן מענשען צו פארפאסען פאר אונז געזע־צע, צו זארגען, אז מיר זאלען זיי אפהיטען אין זייער גאנצער שטרענגקייט, און צו באשטראפען אונז, ווען מיר זאלען זיך אויף דאס מינדעסטע אפטעהרען פון גלייכען וועג, זיי האבען זיך ארויסגעוויזען, אין דעם אויל־סקאנדאל, אלס מענשען, פאר וועמען מאראל און טוגענד זיינען בלויז שרעק־ווערטער פ א ר א נ ד ע ר ע. עס איז איצט קלאר, דאס בעת אונזערע פריזאנס זיינען אנגעפילט מיט אלערליי קיי־און־שפיי פארברעכער, פארנעמען די גאר גרויסע פארברעכער דעם סאמע אויבען־אן אין אונ־זער געזעלשאפט.

⁂

פאר דעם געוועהנליכען מענשען, פאר וועמען דאס לעבען איז אזוי שווער, און פול מיט נסיונות, פאר איהם דער פריזאן, ווען די אויסערסטע נויט טרייבט איהם צו באגעהן אירגענד א פארברעכען. פאר איהם איז ניטא דער מינדעסטען זכות. ער האט פארבראכען נעגען געזעץ, מוז ער ליידען די קאנזעקווענצען. אבער די פאלס, די דענבים, די דאגערטיס, סינקלערס און ווי זיי אלע הייסען דארט, די קומט דער סאמע אויבען־אן, און ווערען זיי שוין אמאל געכאפט איז, ווי פארזיכטיג מען שפרינגט עס ארום מיט זיי! מיט וואס פאר א זיידענע הענדשקעס מען הענדעלט זיי! פרעז־ידענט קולידזש קווענקעלט זיך נאך אלץ אוועקצושיקען זיינע מיניסטארען דענבי, דאגערטי, רוזוועלט און אנדערע.

⁂

דאס אליין אגב דאך די טויטליכסטע פארדאמונג געגען אונזער גאנצער ארד־נונג. יעדער פארברעכען, פון וועמען ער ווערט ניט באגאנגען, איז א שטארקער אר־גומענט געגען די עקזיסטירענדע ארדנונג, א פשיטא שוין, ווען אונזערע סאמע זיילען וויזען זיך ארויס צו זיין אזוי שרעקליך פארדארבען!

ווארים, איהר קענט דאך ניט זאגען, אז אונזערע קאבינעט־מיניסטארען האט חלילה געפעהלט צום לעבען, און דערפאר האבען זיי פארקויפט און פארראטהען די אינטערעסען פון זייער לאנד. וואס האט זיי דען געפעהלט! פון אלדאס גוטס הא־בען זיי געהאט. כבוד און עשירות, און דאך האט דער געלד־טייפעל געהאט אויף זיי אזא שרעקליכע שליטה. ווי־זשע קען מען אנדערש זאגען, אז אין דער ארדנונג, וואס איז נעבויט אויף געלד, געלד און געלד, זייען אלע שעהנע ווערטער, ווי עהר־ליכקייט, מאראל, געוויסען, ליבע צום פאטערלאנד, דיגסט צו דער געזעלשאפט, און ז. וו., און ז. וו., אליין ניט מעהר, ווי א קאלאסאלער שווינדעל?

א ליגען, א געמיינער, פארדאמטער ליגען זיינען אט די אלע ווערטער!

עס איז דא איין ווארט, וואס ווענט איבער אלעס, און דאס איז געלד. און וואס מעהר געלד, אלץ גרעסער איז דער פארברעכען, אויף וועלכען אונזערע סאמע פרא־מינענצען זיינען פעהיג. אויב איהר קענט ניט קויפען איינעם מיט טויזענד דאלאר, קענט איהר איהם זיכער קויפען מיט הונדערט טויזענד, און פאר א מיליאן פאלען זיי אלע כורעים, ווער זיי זאלען ניט זיין, ווי גרויס און הויך עס זאל ניט זיין די שטעל־לונג, וואס זיי פארנעמען אין דער געזעלשאפט.

עס איז ניט עהרליכקייט, עס איז ניט מאראל, עס איז ניט מענשליכקייט, עס איז דער דאלאר, נאך וועלכען אלע יאגען זיך, וואס פארנעמט דעם טראן.

קליין און גרויס בוקען זיך און קניען פאר איהם. קליין און גרויס האלטען אויס־געשטרעקט זייערע הענד, אום צו כאפען איהם. און ווען אפילו עס קומט אוים צו בראדיען דורך ימים פון מענשען־בלוט, דורך זומפען פון דעם געמיינסטען שווינדעל — דער געלד־טייפעל איז אבער אזוי שטארק, אז דאס האלט קיינעם ניט אפ אין דעם דאזיגען ווילדען, שרעקליכען געיעג.

⁂

אט דערפאר מוז זיין אונזער אלעמענס געדאנק ניט צו פארדאמען דעם ארער יענעם וואס זיינען געפאלען, אלס די קרבנות פון דעם געלד־טייפעל. קיינער איז גע־נען איהם ניט זיכער. שרעקליך איז זיין מאכט. אונזער גרויסע אויפגאבע מוז זיין ניט צו ערקלעהרען מלחמה דעם פראפיט, נאר דער פראפיטירעריי; ניט דעם שווינדלער, נאר דער נעלד־ארדנונג, וואס גיט איהם די מעגליכקייט צו ווערען א שווינדלער. דער פונדאמענט פון לעבען מוז אינגאנצען ווערען אן אנדערער. ניט געלד, נאר ארבייט מוז ווערען דער יסוד פון לעבען.

בת קול.

[illegible]ער פון שיקאגא זיינען גרייט צו [illegible] פאר יוניאן־באדינגונגען

פרעזידענט [illegible], די וויים־פרעזידענטען זיידמאן און פערלשטיין אדרע־סירען א [illegible]טע פארזאמלונג. — די פארזאמעלטע גיבען דאס רעכט די יוניאן־בעאמטע צו רופען א סטרייק. — די יוניאן שיקט ארוים בריף צו די מאנופעקטשורערס אין באצוג דער לאגע. — איין קאנפערענץ מיט די באסעס שוין אפגעהאלטען. — די ארבייטער גרייטען זיך צום קאמף.

אונזער יוניאן אין שיקאגא מאכט איצט דורך א שטורמדיגע צייט, און אין דעם מאמענט איז עס שווער צו זאגען ווי די זאך וועט זיך דארט ענדיגען.

לעצטע וואך איז פרעזידענט זיגמאן אנגעקומען אין שיקאגא און האט זיך אריינגעווארפען אין דער ארבייט, אר־רעסירענדיג פארשיידענע יוניאן־מיטינ־גען. ער איז אויך געוועזען אין בארא־טונג מיט די עקזעקוטיווס און דזשאינט באארד זיך [illegible] באקענען מיט דער לאגע.

ווי אונזערע מיטגלידער ווייסען שוין, איז אויף דעם לעצטען מיטינג פון אונ־זער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין פילאדעלפיא באשלאסען געווארען, דאס וויבאלד די דרעס מאנופעקטשורער וועלען ניט קומען צו א פארשטענדיגונג מיט דער יוניאן, זאל דארט דערקלעהרט ווע־רען א גענעראל־סטרייק, און די זאך זאל אויסגעפאכטען ווערען אין אן אפענעם קאמף. איצט, אלזא, איז דער הייסער מאמענט, ווען עס דארף ענטשיידען ווע־רען צו עס זאל זיין א סטרייק אדער ניט.

עס איז שוין א לענגערע צייט, ויט אונזער אינטערנעשאנאל האט געטאן אלץ וואס איז נאר געווען מעגליך צו ארגאניזירען די דרעס־מאכער, אבער ביז יעצט האט זיך עס נאך ניט איינגעגעבען. עס איז דא א יוניאן פון דרעס־מאכער, לאקאל 100, אבער ניט אלע דרעס־מא־כער פון שיקאגא באלאנגען צו דער יונ־יאן. ווארום, איז שווער צו זאגען. דער פאקט איז, אז עס זיינען נאך דא דארט [illegible] דרעסמאכער, וואס באלאנגען ניט צו דער יוניאן.

אין דער לעצטער צייט האט וויים־פרעזידענט מ. פערלשטיין דארט אנגע־פיהרט אן ענערגישען ארגאניזאציאנס־קעמפיין צווישען די דרעס־מאכער און איצט האלט עס ביים קלימאקס. וועלען די דרעס־מאנופעקטשורערס ניט נאכגע־בען מיט גוטען און קומען מיט דער יונ־יאן צו א פארשטענדיגונג, וועט גערופען ווערען א סטרייק, וואס וועט געוויס פא־ראליזירען די גאנצע דרעס־אינדוסטריע פון שיקאגא.

לעצטען דינסטאג אוונט איז דארט פארגעקומען א מאס־מיטינג פון דרעס־מאכער אין דעם גרויסען שאנהאפער'ס האל. יענעם אוונט האט אין שיקאגא געבושעוועט א גרויסער שניי־שטורם, אבער דאס האט ניט אפגעהאלטען די טויזענדע דרעס־מאכער צו קומען צו דער פארזאמלונג און זאגען זייער ווארט אין דעם איצטיגען ערנסטען מאמענט. זיי זיינען געקומען אין די פילע טויזענ־דע, און זייער ווארט איז געווען, דאס א גענעראל־סטרייק זאל ערקלעהרט ווערען, אויב די מאנופעקטשורערס וועלען זיך אפזאגען צו סעטלען מיט דער יוניאן אויף א פרידליכען אופן. דאס האבען געטאן די פארזאמעלטע דורך א רעזא־לוציע, וואס איז אנגענומען געווארען מיט גרויס ענטוזיאזם. די רעזאלוציע איז פארגעשלאגען געווארען פון שועס־טער בעסי גאלדבערג, די טשערליידי פון דער דרעס מאכער יוניאן, לאקאל 100. דורך דער רעזאלוציע האט די פארזאמ־

(שלוס אויף זייט 2)

אינסטאלײשאן פון דזשאינט באארד קלאוק און דרעסמאכער יוניאן

אויף דעם מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער ניו יארקער קלאוק און דרעס מאכער יוניאן, דעם פרייטאג אוונד, וועט פארקומען די אינסטאליי־שאן פון דעם נייעם דזשאינט באארד, פאר דעם יאהר 1924.

דער אינסטאליישאן פון דזשאינט באארד האט זיך דאס מאל א ביסעל פארשפעטיגט, צוליב דעם וואס מאנכע לאקאלס פון דער קערפערשאפט האבען זיך פארשפעטיגט מיט די וואהלען. מען האט, אלזא, געמוזט ווארטען ביז די לא־קאלס זאלען ערוועהלען זייערע עקזעקו־טיוועס, ערוועהלען זייערע דעלעגאציעס צום דזשאינט באארד עס זאל זיין ווע־מען צו אינסטאלירען.

די אינסטאלירונג פון א נייעם דזשאינט באארד ביי די ניו יארקער קלאוק און דרעס מאכער, ווערט שטענ־דיג באטראכט פאר א וויכטיגע און יום־טובדיגע פאסירונג און דאס איז דאס מאל אזוי גוט ווי אלע מאל.

ווענען די אינסטאלירונג פון דעם דזשאינט באארד, דערוויסען מיר זיך אין די לעצטע מינוט אײדער מיר געהען צום דרוק מיט דער צייטונג און עס איז אונז אומבאוואוסט, וועלכע געסט עס זיינען איינגעלאדען געווארען צו האלטען רעדעס אויף דעם מיטינג און מיר קאנען דא ניט אנגעבען זייערע נעהמען. אבער וואס מיר קריוודען זיי היינט, וועלען מיר גוט מא־כען די קומענדע וואך, ווען מיר וועלען איבערגעבען א פולען באריכט פון אלץ וואס דארט וועט פארקומען. פון דעם אינסטאליישאן מיטינג פון דזשאינט באארד האבען מיר אלע מאל עפעס גו־טעס צו באריכטען, און מיר גלויבען, אז דאס וועט אויך אזוי זיין דאס מאל.

אינהאלט־פארצייכנים

„גערעכטיגקייט" נומער 7

זייט 1. אויף דער יאגד נאך מיליאנען — בת קול.
זייט 2 און 3. פארשיידענע יוניאן נייעס.
זייט 4. ארטור גליסאן אלס פריינט פון דער ארבייטער זאך — פאניא מ. קאהן. עדיור קיישאנאל נאטיצען.
זייט 5. אין דער דיפעד מאכער יוניאן לאקאל 17 — דזש. העלער. אויפרוף צו די אי־דישע ארבייטער פון אמעריקא.
זייט 6. אין דער ריינקאוט מאכער יוניאן לאקאל 20 — ס. פרידמאן. זאכען גוט צו וויסען.
זייט 7. לבנה ליכט — ב. גלאזמאן. אין יעדען ווינקעל — אברהם רייזען.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ ביכעל.
זייט 9. וואס הערט זיך מיט אונזער אינטער־נעשאנאל יוניאן באנק? — ש. יאנאווסקי.
זייט 10. לעניז און ווילסאן — א. זעלדין.
זייט 11. וואס דער אינטערנעשאנאל איסטערן רעפארטמענט האט אויפגעטאן — דזש. האלפערין. צער בעלי חיים (פעליעטאן) — ז. וועהילער.
זייט 12. ווי אזוי צו העלפען דער דייטשער אר־בייטער באוועגונג — לעאן כאזאנאוויטש. די קאנסטרוקטיווע פראגראם פון אונזער אינ־טערנעשאנאל — ישראל פיינבערג.
זייט 13. קורץ ע שטועסען. אינטערנעשאנאל קאלענדאר — ה. סקולמאן.
זייט 14 און 15. אדווערטייזמענטס און שלוסען.
זייט 16. פארשיידענע יוניאן נייעס.

א פּאָר ווערטער צו די וויסטמאכער!

שוועסטער און ברידער!

מיר זיינען איצט בעפאר א רושענע־ראל סטרייק אין דער וויסט אינדוסטריע. פיעלע פון אונזערע מעמבערס האבען לאנג געווארט אויף דער געלעגענהייט צו קענען ארבייטען פאר דער צוריקאויפבויאונג פון אונזער שעהנעם לאקאל 25. שוועסטער, איצט איז די צייט ווען מיר קענען אונזער וואונש דערגרייכען. וויסטען קומען צוריק אריין אין מארקעט. פילע קאנטרי שעפער קוקען צוריק אין ניו יארק און עס זיינען דא הונדערט שעפער וואס ווארטען אויף אונזער רוף — מיר מוזען שיקען גענוג צייבאוואוסטע ארבייטער צו ערפילען דעם ניט־יוניאן ארבייטער וואס א יוניאן מיינט!

קומט יעצט אונז העלפען פארשפרייטען דעם געדאנק פון יוניאניזם לעבען יעדען נאן־יוניאן וויסט שאפ. וואס מעהר אקטיווע, איבערגעבענע ארבייטער וועלען אונז העלפען אין דער ארבייט אלץ שטארקער וועט אונזער רוף ארייננדרינגען אין דעם נאן יוניאן שאפ.

מיר האבען וואס צו אפערען די ארבייטער. מיר ארבייטען 40 שטונדען פאר פיל העכערע ווייגדזשעס ווי די נאן־יוניאן ארבייטען פאר 44 און 49 שטונדען א וואך.

פאר דעם צוועק רופען מיר א מאס־מיטינג פאר דאנערשטאג, דעם 14טען פעברואר, פאר פיר אזייגער ביטאג, אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט. ברודער זיגמאן, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל און ברודער י. פיינבערג, מענעדזשער פון דער דזשאינט באארד, און ארטורא דזשיאוואניטי וועלען רעדען. קומט אין מאסען!

פאולין מארגענשטערן,
מענעדזשער לאקאל 25.

נ. ב. אן ארגאניזיישאן מיטינג וועט פארקומען דעם דינסטאג, גלייך נאך דער ארבייט, אין אפיס פון דער יוניאן, 21 וו. 16טע סטריט.

טאקערס העמסטיטשערס און פליטערס!

די ארבייטער פון דעם פאך ווערען אויפגעפאדערט פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן, צו קומען צו א װעהר

וויכטיגען מיטינג

מאנטאג, 8 אוהר אווענט, פעבּרואר 11

אין אודיטאריום פון דער

אינטערנעשאנאל בילדינג

3 וועסט 16טע סטריט.

דער מיטינג ווערט גערופען אונטער'ן אויפזיכט פון דעם אינטערנעשאנאל איסטערן ארגאניזאציאנס דעפארטמענט, און וועט אדרעסירט ווערען פון די פאלגענדע רעדנער:

דזש. האלפערין, מענעדזשער פון דעם דעפארטמענט. | פ. מארגענשטערן, מענעדזשער פון לאקאל 25.

ג. גאלדשטיין, אינטערנעשאנאל ארגאנייזער.

עס איז דא זעהר וויכטיגעס צו באריכטען אויף דעם מיטינג און אלע טאקערס, העמסטיטשערס און פליטערס ווערען אויפגעפאדערט צו קומען.

דזש. האלפערין,
מענעדזשער אינטערנעשאנאל ארגאניזאציאנס דעפארטמענט.

זאל אייער נאמען און אויפטואונגען פאר דער ארבייטער באוועגונג פאראייביגט ווערען

אין גיכען ערשיינט א בוך
דער ערשטער פון דיזען סארט אין אידיש

„ווער איז ווער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג"?

א בוך — אן אלבום פון אלע, וועלכע האבען אויף אירגענד וועלכען אופן געהאלפען בויען די היינטיגע פיעל־פארצווייגטע אידישע ארבייטער באוועגונג.

מיר בעטען אלע יוניאן באאמטע, טשערלייטע און סעקרעטערע אייגנעשלאסען, טוער פון דער סאציאליסטישער באוועגונג, ארבייטער רינג, פועלי ציון א. ז. וו., זיך צו ווענדען פאר דעם ספעציעלען אינפארמאציאן צירקולאר, וועלכען מיר האבען צוגעגרייט פאר דעם צוועק, און נאכדעם ווי איהר וועט עס אויספילען, דאס צושיקען צו

פערלאג „פנקס"
3 וועסט 16טע גאס, ניו יארק.

אמעריקאנער דאלארס ווערען אריבערגעשיקט

דורך די

אינטערנעשאנאל יוניאן באנק

די אינטערנעשאנאל יוניאן באנק

רעכענט די נידעריגסטע פרייזען און גיט אייך די בעסטע דינסטע. איהר וועט זיכער בעסער גלייכען די אטמאספערע פון אן ארבייטער באנק איידער פון א פריוואט באנק. גיט אונז א געלעגענהייט אייך צו דינען אויף אירגענד וועלכען אופן פון מאדערנע בייקינג.

נאך

רוסלאנד,

אוקראינא,

פוילען

און אנדערע אייראפעאישע לענדער.

אונזערע דעפארטמענטס

סטימשיפ טיקעטס,
נאטארי פאבליק,
טרעוולערס טשעקס,
לעטערס אוו קרעדיט,
וויזעס און אפידייווויטס,
קאלעקשאנס,
אינקאם טעקס אינפארמאציע.
עקספערט פיינאנשעל אדוויז
אויף אידיש, רוסיש, פויליש,
דייטש און איטאליעניש.

דורך א דירעקטען קייבעל
פון אונזער פאריין עקסטשיינדזש דעפארטמענט.

International Union Bank

Fifth Ave. and 21st St., New York City

Abraham Baroff, President | **Philip R. Rodriguez,** Vice-Pres. & Manager | **Philip Kaplowitz,** Cashier

די קלאוקמאכער יוניאן פון טאראנטא באפעסטיגט זיך

וויס-פרעזידענט סאל. זיידמאן ברענגט א גיטען גרוס.

וויס-פרעזידענט סאל. זיידמאן האט לעצטע וואך באזוכט טאראנטא, קענעדע, און ער האט געבראכט פון דארט א גוטען ... געפאהרען אהין איז ער צוליב א סטרייק וואס איז פארגעקומען ביי דער „אימפיריאל גארמענט קא". דער סטרייק איז שוין געסעטעלט געווארען צו גונסטען דער יוניאן און די ארבייטער פון דער פירמע.

זייענדיג דארט, האט ברודער זיידמאן ביינעוואוינט א ספעשעל מיטינג פון דזשאינט באארד, אויף וועלכען עס איז באריכטעט געווארען וועגען דעם צושטאנד פון דער יוניאן. און ווי וויס-פרעזידענט זיידמאן גיט אונז איבער, געפינט זיך דארט די קלאוקמאכער יוניאן אין א גוטען צושטאנד. די מיטגלידער פון דער יוניאן זיינען פאראינטערעסירט אין אלץ וואס דארט געהט פאר און זיי טוען אלץ וואס זיי קענען צו שטארקען און באקרעפטיגען די ארגאניזאציע.

פאר א יאהרען האט די יוניאן אנגענומען א באשלוס, אז יעדער מיטגליד זאל געטעקסט ווערען מיט 15 דאלאר, פאר א ספעציעלען סטרייק-פאנד. און דער טעקס ווערט נאך איצט געצאהלט. מאנכע מעמבערס האבען שוין איינגעצאהלט דעם גאנצען אסעסמענט, אנדערע נאר א טייל און די צאהלען איצט אפ דאס איבעריגע. דאס איז וואס אנבאלאנגט דעם סטרייק-פאנד.

דא ניט לאנג אבער האבען די מיטגלידער אויף זיך גענומען א צווייטען אסעסמענט פאר אן „עמוירדזשענסי פאנד" פאר דער יוניאן. דאס מאל האט די יוניאן אנגענומען א באשלוס, אז יעדער מיטגליד זאל געבען די ווירדזשעס פאר א האלבען טאג ארבייט. דער באשלוס איז גוטגעהייסען געווארען און די מיטגלידער צאהלען איצט, ווער דעם פריהערדיגען אסעסמענט און ווער דעם נייעם. מאנכע צאהלען ביידע צוזאמען. און די הויפט זאך, זיי טוען עס גאנץ גערן, וויסענדיג אז ווען זיי באפעסטיגען זייער יוניאן בויען זיי פאר זיך א „קרעפאסט", וואס וועט זיי באשיצען געגען יעדען אנגריף פון די באלעבאטים. זיי וויסען אויך, אז א שטארקע, באפעסטיגטע יוניאן וועט זיי גוט צוניץ קומען, ווען זיי וועלען ארויסקומען מיט פאדערונגען, ווען זיי וועלען פארלאנגען א פארבעסערונג אין זייער לאגע. און פילע סטרייקס ווערען אפט פארמידען ווען עס איז דא אין טרייד א שטארקע יוניאן, וואס דאס פארשפארט די ארבייטער ניט ווייניג ליידען.

קורץ, די קלאוקמאכער פון טאראנטא זיינען אויפ'ן ריכטיגען וועג פון פראגרעס. די קלאוקמאכער פון מאנטרעאל, קענעדע, האבען זיך געמעגט אראפנעהמען א ביישפיל און טאן דאס זעלביגע. ווארום שלאפען דארט יענע קלאוקמאכער? ווארום נעהמען זיי זיך ניט צו באפעסטיגען זייער יוניאן? אויף ווען און אויף וועמען ווארטען זיי? ווער וועט עס טאן פאר זיי, אויב זיי וועלען דאס אליין ניט טאן?

זאלען די קלאוקמאכער פון מאנטרעאל זיך פארטראכטען וועגען דעם און זיי וועלען אליין געפינען דעם ענטפער.

ברודער יאמפאלסקי געשטארבען

מיר דערוויסען זיך איצט די טרויעריגע נייעס, דאס מיט א וואך צוריק איז אין טאראנטא, קענעדע, געשטארבען ברודער יאמפאלסקי, איינער פון די גרינדער פון דער קלאוקמאכער יוניאן, און אויך איינער פון די ערשטע אימיגראנטען, וואס האבען גענומען בויען אין קענעדע די אידישער ארבייטער באוועגונג בכלל. ער איז געשטארבען פלוצלונג, פון א הארץ-שלאג.

ווי מען לאזט אונז וויסען, האט די ארבייטער באוועגונג פון טאראנטא איהם געגעבען א לויה, ווי ער האט עס פארדינט, דורך זיין לאנג יאהריגער טעטיגקייט אין דער באוועגונג.

באזונדערס טעטיג איז געוועזען דער פארשטארבענער אין די רייהען פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן. אין אונזער יוניאן איז ער געוועזען גוט באקאנט. פאר א משך פון א צוועלף יאהר צייט איז ער געוועזען דער סעקרעטאר פון דעם טאראנטא דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, און ער איז זעהר באליבט געוועזען ביי די קלאוקמאכער. דאס באווייזט אם בעסטען, וואס צו זיין לויה האבען אלע ליידיס גארמענט ווארקערס פון טאראנטא אפגעסטאפט פון דער ארבייט, אהן אירגענד וועלכער אויפפאדערונג פון דער יוניאן. דאס איז געקומען גאנץ ספאנטאן, יעדער קלאוק און דרעסמאכער האט געפיהלט, אז ער, אדער זי, דארפען איהם אפגעבען זיין לעצע עהרע און זיי האבען געלאזען די ארבייט און געקומען צו דער לויה. דאס זעלביגע האבען אויך געטאן מאנכע ארבייטער פון אנדערע טריידס און די לויה האט מיט זיך פארגעשטעלט א גרויסע, איינדרוקספולע טרויער פראצעסיע. נאך דער מטה זיינען נאכגעגאנגען אריבער צוויי טויזענט פערזאן. אזא לויה נאך אן ארבייטער פיהרער האט טאראנטא קיין מאל פריהער ניט געזעהן, און דאס האט געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער געזעלשאפט.

אין צייט פון דער לויה איז דער אפיס פון דער יוניאן געווען געשלאסען. אין דער לויה האט זיך אויך באטייליגט די אמאלגאמייטעד.

גלייך נאך דער לויה האט זיך געגרינדעט א קאמיטע פון דער ארבייטער באוועגונג, צו שטעלען איהם א פאסענדען מאנומענט.

עהרע זיין אנדענקען!

א זון פון א קלאוקמאכער גיט א וויאלין ריסייטעל אין ברוקלין אקאדעמי אוו מוזיק.

שבת אווענט, דעם 23טען פעברואר, וועט מאזעס לעווין, א זון פון א טעטיגען מיטגליד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, דאס ערשטע מאל ארויסטרעטען אין א וויאלין ריסייטעל, אין א רייכער פראגראם פון די קאמפאזיטארס סארטיני, ברוך, סאראסאטע, קרייזלער און וויניאווסקי. דאס איז א פראגראם פון מוזיקאלישע קאמפאזיציעס וואס ווערען געשפילט פון די גרויסע, באגאבטע פידעלשפילער, מיט וועלכע עס קלינגט א וועלט.

נאטירליך, עס בלייבט צו הערען און זעהן, ווי אזוי דער יונגער לעווין וועט זיך אויסצייכענען אין זיין ערשטען אויפטריט אין אזא פראגראם. אבער שוין דאס אליין וואס ער נעמט זיך אונטער ארויסצוטרעטען אין אזא פלאץ ווי די ברוקלין אקאדעמיע אוו מוזי און אין אזא פראגראם, ווייזט, אז ער דארף קאנען שפילען, אז ער האט גלויבען אין זיך און זיין טאלאנט און מיר ווינשען איהם גליק צו זיין ערשטען אויפטריט.

די ברוקלין אקאדעמיע אוו מוזיק געפינט זיך אויפ'ן סארנער לאפאיעט עוו. און פולטאן סט., ברוקלין. עס איז ביי דער אטלאנטיק עוועניו סטיישאן וואו עס קומט די ניו יארקער סאבוויי.

א' מיטינג פון לאקאל 38 קומענדען דינסטאג.

דינסטאג אווענט, דעם 19טען פעברואר, וועט אפגעהאלטען ווערען א וויכטיגער מעמבער מיטינג פון דער ליידיס טיילארס יוניאן לאקאל 38. דער מיטינג וועט זיין אין זעלבען פלאץ, וואו אלע מאל, אין דעם הארלעם סאשעליסט סענטער, 62 איסט 106טע סטריט.

ווי ברודער דרייזין לאזט אונז וויסען, וועט א חוץ די געוויינליכע טרייד פראגען אויף דעם מיטינג באשפראכען ווערען די פראגע פון דעם דזשאינט קאונסיל, וואס ווערט איצט געגרינדעט אין ניו יארק, פון די אלע איינציגע לאקאלס, וואס באלאנגען ניט צום דזשאינט באארד. זאלען די מיטגלידער פון דעם לאקאל קומען צים מיטינג און זיך באטייליגען אין די פראגען.

א מיטינג פון דזשאינט קאונסיל דעם דאנערשטאג אווענט

ווי אונזערע לעזער וויסען שוין ווערט אין ניו יארק געגרינדעט א דזשאינט קאונסיל, פון די אלע איינצעלנע לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל, וואס זיינען ניט אנגעשלאסען צום דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעס מאכער יוניאן. דורך דעם דזשאינט-קאונסיל וועלען די אלע לאקאלס זיין צווישען זיך פארבונדען פאר אלגעמיינע ארגאניזאציאנס צוועקען.

די גרינדונג פון דעם דזשאינט קאונסיל געהט אן אונטער דער אויפזיכט פון וויס-פרעזידענט ס. לעפקאוויטש.

דעם דאנערשטאג אווענט, דעם 14טען פעברואר, וועט אפגעהאלטען ווערען א מיטינג אין דער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט. יעדער פון די איינצעלנע לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל אין ניו יארק דארף שיקען צו דעם מיטינג דריי פארטרעטער, אלס דעלעגאטען צו דעם קאונסיל. אויף דעם מיטינג דארף געמאכט ווערען, וואס מען רופט, „די פינישינג טאטש", און דער קאונסיל וועט אנהויבען פונקציאנירען אלס א באשטענדיגע קערפערשאפט.

מעהר איינצעלהייטען וועלען מיר איבערגעבען קומענדע וואך, ווען מיר וועלען וויסען דעם רעזולטאט פון דעם מיטינג.

דער באזאר פון דער פיפעלס רעליף דעם שבת אין גרענד סענטראל פאלאס

דעם שבת, דעם 16טען פעברואר עפענט זיך דער גרויסער באזאר פון דער פיפעלס רעליעף-ארט. די גאנצע איינגאהמע וועט געהן צו העלפען די אידישע אינסטיטוציעס פון יענער זייט ים, וואס מוזען האבען הילף פון אמעריקא אום צו קאנען עקזיסטירען.

פאר די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" איז גוט בעקאנט די טעטיגקייט פון דער פיפעלס רעליעף, און מיר דארפען דאס מעהר ניט ערקלעהרען. דא ווילען מיר ליבערשט אויפמערקזאם מאכען די לעזער, אז אויף דעם דאזיגען באזאר וועט פארקומען דער גרעסטער סייל אין דער, געשיכט פון ניו יארק, א סייל, וואס האט קיין גלייכען ניט צו זיך. אלץ, וואס איהר דארפט, וועט מען קריגען אויף דעם סייל, און צו זעהר ביליגע פרייזען.

ווינטער-מאנטלען פאר פרויען, מענער און קינדער וועלען אוועקגעגעבען ווערען כמעט אומזיסט. אויך וועט מען זיך קאנען באזארגען מיט א ספרינג-קאוטס און א סוט צו שפאט ביליגע פרייזען.

אבער קליידער וועלען זיין בלויז איינס פון די הונדערטער ארטיקלען וואס מען וועט קריגען אויף אט דעם גרויסען סייל און אלץ וואס איהר וועט קויפען, וועט איהר קריגען פאר כמעט אומזיסט.

די וואארע וועט אוועקגעגעבען ווערען ביליג, ווייל עס קאסט גאר נישט. דאס איז אלץ געקליבען געווארען אין די לעצטע פאר וואכען, און געקליבען געווארען איז עס צווישען אלע טריידס.

דער גרויסער סייל וועט זיך אנהויבען אין גרענד סענטראל פאלאס, שבת, דעם 16טען פעברואר, און וועט אנהאלטען ביז דעם 24טען פעברואר.

די וואהלען אין לאקאל 9 קומענדען דאנערשטאג

פארגעסט ניט, אז דאנערשטאג, דעם 21טען פעברואר, איז דער עלעקשאן ביי אונז אין לאקאל. עס דארף ערוועהלט ווערען א מענעדזשער און עקזעקוטיוו באארד. דעם מאל זיינען די וואהלען נאך וויכטיגער ווי אלע מאל, ווייל מיר שטעהען פאר א דזשענעראל סטרייק, און מיר מוזען האבען אן עהרליכען, פעהיגען און איבערגעגעבענעם מענעדזשער און אן עקזעקוטיוו באארד, וועלכע זאל דינען די אינטערעסען פון די פינישערס. מיר פאדערען אייך אויף, אז איהר זאלט אלע קומען וואוטען. עס מאכט ניט אויס, אז איהר וועט סטאפען אפילו פון אן אווערטיים, אדער א שטונדע אין מיטען טאג, און קומען שטימען. עס האנדעלט זיך וועגען אייערע אינטערעסען.

זייט ניט גלייכגילטיג! זיצענדיג אין דער היים און גראמבלען און שילטען די גאנצע וועלט, וועט אייער לאגע ניט בעסער ווערען. בלויז ווען איהר וועט נעמען אן איינטייל אין דער יוניאן און ערוועהלען די ריכטיגע פארטרעטער, וועלען מיר קאנען דורכפיהרען די רעפארמען, וועלכע וועלען מעגליך מאכען, אז איהר זאלט מאכען א בעסערען לעבען.

וואטשט אונזער ארווערטייזמענט.

ל. היימאן, מענעדזשער.

צדדים, אום אויסצומיידען אלע מעגליכע שטערונגען. די באמטע, פונקט ווי די מעמבערס פון אונזער יוניאן, באגרייפען זייער פאראנטווארטליכקייט, און דער יוניאן וועט עס שטארק פאדריסען, אויב זי וועט זיין געצוואונגען צו סטרייקען.

די יוניאן וויל אויסנוצען די קאנסטרוקטיווע כוחות, וואס זי האט, פאר די אויפבויאונג און אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע. די ארבייטער באגרייפען, דאס זייער וואוילזיין הענגט אפ פון דער דויערהאפטיגקייט און וואוילגעהן פון דער אינדוסטריע. און צוליב דעם ווילען זיי געבען זייער פולע מיטווירקונג פאר א פריינדליכע און קאנסטרוקטיווע אויסגלייכונג.

מיר האפען ערנסט, דאס אייער פירמע וועט אויפנעמען דעם בריף אין דעמזעלבען גייסט, און דאס מיר קענען קומען צו א פארשטענדניס פאר מאנטאג, דעם 18טען פעברואר.

גאנץ ערנסט אייער,

דזשאינט באארד,

פער מ. פערלשטיין, וויס-פרעז.

א. ל. ג. וו. י.

קלאוק אפערייטארס, מעמבערס פון לאקאל 1, אויפמערקזאם!

פאלגענדעס איז דער עדיוקיישאנאל פראגראם וואס איז ארגאנזירט געווארען פון דער עקז. באארד פאר אונזערע מעמבערס פאר היינטיגען זונטאג, דעם 17טען פעברואר.

דאון-טאון: הלל ראגאף וועט פארטזעצען זיין קורס לעקציעס איבער דער טעמע „די ציוויליזאציע אין אמעריקע", דיזען זונטאג, 12 אוהר שארפ, אין קלינטאן האל, 151 קלינטאן סט. רום 47.

בראנקס: מאקס לעווין וועט לעקטשורען זונטאג, 10.30 אוהר פרי אין אונזערע קלאב רומס, 1581 וואשינגטאן עוועניו, איבער „די אויפגאבען און ארבייט פון אונזער אינטערנעשאנאל".

פארפעלט קיינער צו באזוכען די לעקטשורס פון וועלכע איהר קענט זעהר פיל לערנען און געניסען.

עקז. באארד, לאקאל 1.

דער יעהרליכער באל פון די איטאליענישע וויסט און דרעסמאכער, לאקאל 89

דער יעהרליכער באל פון אונזערע איטאליענישע דרעס און וויסטמאכער לאקאל 89 איז געווארען א אינסטיטוציע אין דעם גאנצען יוניאן-קרייז פון ניו יארק. דעם יאהר וועט דער באל פארקומען אין א זעהר באקוועמען אווענט, אין א יאווענט, וואס מען וועט זיך ניט דארפען איילען. מען וועט קאנען פארברענגען ביז שפעט אין דער נאכט, אדער בעסער געזאגט, ביז אין פריהען טאג אריין. - דער באל וועט זיין פרייטאג אווענט, וואשינגטאן'ס געבורטס טאג, דעם 22טען פעברואר, 1924, אין פארק פאלאס, 3-5 וועסט 110-טע סטריט, ניו יארק.

ברודער אנטאניני, דער מענעדזשער פון דעם לאקאל, בעט אונז באקאנט צו מאכען, דאס די אראנדזשמענטס קאמיטע פון דעם באל האט זיך פארנומען, דאס דעם יאהר זאל דער באל זיין נאך מעהר אמוזאנט, ווי ביז יעצט. און די מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס אין ניו יארק ווערען געלאדען צו קומען פארברענגען אן אנגענעהמען אווענט.

איינטריט קאסט א טיקעט בלויז 50 סענט, אין טאג פון באל וועט קאסטען 75 ס.

49 קורסען

38 קורסען אין דער ענגלישער שפראך און 11 קורסען אין דער אידישער שפראך פאר דעם היינטיגען עדיוקיישאנאל סיזאן. זיינען אנגאנסירט געווארען אין דעם פאמפלעט וואס אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט ארויסגעגעבען.

דער פאמפלעט איז א ניצליכער און מען קאן עס באקומען פריי אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. 3 וועסט 16טע סטריט, ניו יארק.

דרעסמאכער פון שיקאגא זיינען גרייט צו סטרייקען פאר יוניאן־באדינגונגען

(שלוס פון זייט 1.)

רונג געגעבען א מאנדאט דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוק־ און דרעס־מאכער יוניאן, צוזאמען מיט די דזשענעראל באַאמטע פון אונזער אינטערנעשאנאל, צו רופען דעם געפּלאנטען סטרייק, ווען זיי וועלען געפינען אלס פּאסענדען מאמענט.

די אנגענומענע רעזאלוציע לייענט זיך ווי פאלגט:

„אין אנבאטראכט, אז די ווייזשעס פון די ארבייטער פון דער שיקאגא'ער דרעס־אינדוסטריע, און די באדינגונגען פון דער ארבייט ווי אויך די סאניטארע קאנדיציאנען זיינען שלעכט, זיי עס באַשלאסען פון די מעמבערס פון דער דרעס מאכער יוניאן לאקאל 100, פארזאמעלט אויף א מאס־מיטינג דינסטאג אווענד, דעם 5טען פעברואר, 1924, צו אויטאריזירען דעם דזשאינט באארד פון דער שיקאגאר קלאוק און דרעס מאכער יוניאן און די באאמטע פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן באלד אנצופאנגען פיהרען פארהאנדלונגען מיט די מאנופעקטשורערס כדי צו קריגען די נויטיגע אויסבעסערונגען פאר דעם לעבען פון די ארבייטער אין די שעפער.

„זיי עס אויך באשלאסען צו טרייען סעטלען אלעס פרידליך. אין פאל אבער אז די מאנופעקטשורערס פון דער דרעס־אינדוסטריע וועלען זיך ענטזאגען צו באטראכטען אונזערע פאדערונגען זאל דער דזשאינט באארד און די באאמטע פון דער אינטערנעשאנאל האבען דאס רעכט צו רופען א סטרייק אין דער אינדוסטריע".

די פארזאמלונג וואס האט אנגענומען די רעזאלוציע איז געווען א שעהנע און פול מיט באגייסטערונג פאר דעם בעפארשטעהענדען קאמף.

ברודער ישער, דער טשערמאן פון דזשאינט באארד, האט געעפענט די פארזאמלונג און פארגעשטעלט וויים־פרעזידענט מאיר פערלשטיין אלס טשערמאן. פערלשטיין האט געשילדערט די לאגע פון די דרעס־מאכער אין שיקאגא און האט ערקלעהרט, אז די צייט איז געקומען, ווען די ווייזשעס פון די דרעס־מאכער מוזען געהעכערט ווערען, די שטונדען פארקירצט ווערען און די סאניטארישע צושטענדע אין די שעפער מוזען אויסגעבעסערט ווערען. און ער האט באטאנט אז דיזע אלע פאדערונגען מוזען די ארבייטער קריגען, פרידליך אויב מעגליך, אבער אויב ניט, מוזען זיי סטרייקען.

דער נעקסטער רעדנער איז געווען וויים־פרעזידענט סאל. זיידמאן, וועלכער האט געפיהרט דעם סטרייק פון די שיקאגא'ר דרעס־מאכער אין 1917. ער האט פארגליכען די לאגע פון 1917 מיט דער יעצטיגער צייט און האט ערקלערט, אז די יוניאן מוז איצט איין מאל פאר אלע מאל אויסקעמפען א 100 פראצענטיגע ארגאניזאציע.

וויים־פרעזידענט זיידמאן איז געקומען פאר איינינע טעג אין שיקאגא, פאהרענדיג פון טאראנטא, קאנאדא. ער איז געקומען אהין אויף'ן פארלאנג פון פרעזידענט מאריס זיגמאן.

דער הויפט־רעדנער פון אווענד איז געווען פרעזידענט זיגמאן. ער האט ערקלעהרט די שטעלונג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל צו דער סיטואציע אין שיקאגא. ער האט אנגעוויזען, אז די דרעס־מאכער פון שיקאגא דארפען איינפיהרען פארבעסערונגען אין זייער טרייד; אז זיי דארפען ווייניגער ארבייטען, פארדינען מעהר און האבען א דעה איבער די באַדינגונגען אונטער וועלכע זיי ארבייטען. ער האט זיי געגעבען צו פארשטעהן, אז עס ווענדעט זיך אן זיי אליין, אן זייער סאלידאריטעט און אן זייער טעטיגקייט פאר דער יוניאן צו פארבעסערן זייער לאגע, און ער האט זיי פארזיכערט, אז די אינטערנעשאנאל וועט טאן אלעס זיי צו העלפען אין פאל א סטרייק וועט מוזען ערקלעהרט ווערען.

די פארזאמלונג איז אויך אדרעסירט געווארען פון מיס ענעס נעסטאר, פרעזידענטין פון דער וואומענס טרייד יוניאן ליג. זי האט אפעלירט צו די פרויען פון דער אינדוסטריע צו זיין פאראייניגט און באשטעהן פעסט אויף די פאדערונגען פון דער יוניאן, וואס וויל פארבעסערן זייער שלעכטע לאגע.

די יוניאן עפענט סטרייק־העדקווארטערס אין אטלאנטיק האטעל און שיקט אויס בריף צו די מאנופעקטשורערס.

גלייך נאכ'ן מיטינג האט די יוניאן געעפענט העדקווארטערס אין אטלאנטיק האטעל, וואו עס ווערט איצט אנגעפיהרט די טעטיגקייט אין באצוג צו דעם געפּלאנטען סטרייק.

גלייכצייטיג האט די יוניאן ארויסגעשיקט בריף צו די דרעס־מאנופעקטשורערס, זיי אויפפאדערנדיג אנצופאנגען קאנפערענצען, אום איינצושטעלען ארדנונג און בעסערע ארבייטס־באדינגונגען אין טרייד. די יוניאן האט ארויסגעשיקט צוויי ערליי בריף — איין בריף צו די מאנופעקטשורערס, וואס האבען שוין יוניאן שעפער. דאס זיינען די מאנופעקטשורערס וואס זיינען ארגאניזירט אין אן אסאסיאיישאן און האבען שוין קאנטראקט־באציהונגען מיט דער יוניאן. דער בריף צו די יוניאן־מאנופעקטשורערס ערקלעהרט, אז די יוניאן איז גערן אנצוהאלטען די פריינדליכע באציהונגען, וואס עקזיסטירען צווישען זיי און דער יוניאן און פארלאנגט זיי זאלען קומען צו א פארשטענדיגונג מיט'ן דזשאינט באארד ביז דעם קומענדען מאנטאג, דעם 18טען פעברואר.

דער בריף צו די ניט־יוניאן דרעס־מאנופעקטשורערס איז פון אן אנדער נוסח. אין דעם בריף ווערט אנגעוויזען, דאס א דאנק זייער איינגעשפארטקייט, געהט אן א שטענדיגער קאמף אין דער אינדוסטריע, זייט דעם יאהר 1916, פון וועלכען די גאנצע דרעס־אינדוסטריע ליידעט און לאזט איהר ניט קומען צו א נארמאלען שטאנד. עס ווערט דארט אויך אנגעוויזען אויף דעם פאסקודנעם סוועט־סיסטעם, וואס זיי האלטען אויף אין זייערע שעפער און זיי ווערען גערופען צו פאראנטווארטליכקייט. זיי ווערען גערופען אנצופאנגען אונטערהאנדלונגען מיט דער יוניאן איינצופיהרען אין זייערע שעפער מעהר מענשליכע באדינגונגען און זיי ווערען אויפגעפאדערט צו ענטפערען ביז מאנטאג, דעם 18טען פעברואר, אויב זיי זיינען וויליג אנצוהויבען פארהאנדלען מיט דער יוניאן צו קומען צו א פרידליכען סעטלמענט.

די לעצטע נייעס וואס מיר האבען באקומען פון שיקאגא איז, דאס לעצטען שבת איז דארט פארגעקומען א קאנפערענץ מיט די יוניאן־דרעס מאנופעקטשורער, אין אטלאנטיק האטעל, וואו די יוניאן האט געעפענט העדקווארטערס. לויט ווי עס הערט זיך, דארף דארט די טעג פארקומען א צווייטער קאנפערענץ מיט די נאן יוניאן דרעס־מאנופעקטשורער.

אויף די קאנפערענץ ווערט געמאכט פון דער יוניאן דער לעצטער פארזוך צו קומען צו א פרידליכען סעטלמענט, און מען קאן נאך איצט ניט וויסען, צו דאס וועט זיך איינגעבען. אויב ניט, וועלען יענע מאנופעקטשורער דארט באקומען א פייט, וואס זיי וועלען האבען צו געדיינקען.

אין דעם שיקאגא „פארווערטס" פון לעצטען זונטאג געפינען מיר דעם פאלגענדען באריכט פון דעם ערשטען קאנפערענץ, וואס וועט געוויס אינטערעסירען אלע אונזערע לעזער:

„די דרעס מאנופעקטשורערס וועלכע בעלאנגען צו אן אסאסיאיישאן און האבען אן אגרימענט מיט דער יוניאן, האבען נעכטען (שבת) אפגעהאלטען די ערשטע קאנפערענץ וועגען די נייע פאדערונגען וואס די יוניאן האט ארויסגעשטעלט.

„די קאנפערענץ איז פארגעקומען אין אטלאנטיק האטעל, די העדקווארטערס פון דער יוניאן. אינטערנעשאנאל פרעזידענט מאריס זיגמאן איז ערוועהלט געווארען טשערמאן פון דער קאנפערענץ. זיגמאן האט געעפענט די קאנפערענץ מיט א שעהנע און זאכליכע רעדע. ער האט ערקלעהרט די פאדערונגען פון דער יוניאן און אויסגעדריקט די האפנונג אז די איצטיגע פערהאנדלונגען וועלען פיהרען צו שלום און ניט צו מלחמה.

„לאיער לעבאסקי, פאר די מאנופעקטשורערס, האט געענטפערט זיגמאן'ען. ער האט ערקלעהרט, אז די מאנופעקטשורערס זיינען ענטשלאסען ניט נאכצוגעבען די נייע פאדערונגען פון דער יוניאן. די מאנופעקטשורערס ווילען בלויז באנייען דעם אלטען אגרימענט אויף נאך א יאהר צייט, האט לעבאסקי געזאגט.

„אן ענטפער האט איהם געגעבען מאיר פערלשטיין, וויים־פרעזידענט און פיהרער פון די קלאוק און דרעס מאכער יוניאן אין שיקאגא. פערלשטיין האט ערקלעהרט, אז וואס די יוניאן וויל, איז ניט דעם אלטען אגרימענט, נאר נייע באדינגונגען. דער אלטער אגרימענט וואס איז געווען גוט מיט פינף יאהר צוריק, טויג ניט היינט, האט ער געזאגט. מיר האבען זייט דאן געמאכט גרויס פארטשריט אויף אלע געביטען. אלעס האט זיך געענדערט און די אלטע ארבייטס־באדינגונגען מוזען זיך אויך ענדערען. די דרעסמאכער קענען ניט ארבייטען פאר די ווייזשעס פון פאר פינף יאהר און אויך קענען זיי ניט ארבייטען אזעלכע לאנגע שטונדען ווי דאמאלס. ער האט דאן ערקלעהרט, אז אין דער דרעס אינדוסטריע זיינען די גרעסטע צאהל ארבייטער פרויען, און ווען זיי וועלען ארבייטען 40 שטונדען א וואך, וועלען זיי מעהר רוהען און זיין געזינטער; און אז סטאטיסטיקס בעווייזען, אז ווען ארבייטער זיינען אויסגערוהט, איז די פראדוקציאן גרעסער.

„ער האט דאן ברייטליך ארומגערעדט דעם אנעמפלאימענט אינשורענס פאנד. ער האט אנגעוויזען פארוואס די יוניאן בעשטעהט דורכאוים פאר די איינפיהרונג פון דעם פאנד און אנגעוויזען אויף די מעלות פון דעם פאנד פאר די ארבייטער. ער האט אויך געגעבען א גענויע ערקלעהרונג פאר וואס די יוניאן פאדערט די איינפיהרונג פון א מינימום ווייזדוש סקייל.

„ווען ער האט געענדיגט רעדען האט דער לאיער פאר די מאנופעקטשורערס איהם געבעטען צוצושטעלען שריפטליך דעם גאנצען פלאן וועגען דעם אנעמפלאימענט אינשורענס און עס איז דאן באשלאסען געווארען אפצוהאלטען דעם צווייטען מיטינג דינסטאג אבענד".

מאשינערי פאר סטרייק ווערט צוגעגרייט.

וועהרענד די פערהאנדלונגען מיט די דרעס מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן איז שוין אין פולען גאנג, גרייט די יוניאן צו די מאשינערי פאר דעם סטרייק. די יוניאן ערווארטעט אבער אז די פערהאנדלונגען מיט די מאנופעקטשורערס וועלען פיהרען צו שלום. אויך ערווארטעט די יוניאן אז די אינדעפּענדענטע באסעס וועלען זיך ווענדען נאך א סעטלמענט און ניט דערלאזען צו קיין סטרייק.

מאנטאג גלייך נאך דער ארבייט, וועלען די שאפ טשערליים און די פּייפער קאמיטעס פון אלע שעפער, אפהאלטען א מיטינג און צוגרייטען אלע פלענער פאר דעם ערווארטעטען סטרייק.

דאנערשטאג אווענד וועט אפגעהאלטען ווערען א גרויסער מאסמיטינג פון אלע דרעסמאכער און ביי דיזען מיטינג וועט אפגעגעבען ווערען א באריכט פון די פערהאנדלונגען מיט די מאנופעקטשורערס.

די צוויי בריף וואס די יוניאן האט געשיקט צו די מאנופעקטשורערס

דער בריף צו די ניט־יוניאן מאנופעקטשורערס.

פעברואר 7, 1924.

דזשענטעלמען:—

אייך איז געוויס באקאנט, דאס די דרעסמייקערס יוניאן פון שיקאגא האט אנגעפיהרט א שטארקען ארגאניזיישאן־קאמפיין פאר די לעצטע ניין מאנאטען.

אין אנפאנג פון קאמפיין האבען מיר אייך געשריבען, מיטטיילענדיג אייך וועגען אונזערע פלענער, און מיר זיינען איצט פארטיג פארצולעגען פאר אייך געוויסע קאנקרעטע פארשלעגע, וועלכע מיר האלטען פאר העכסט־וויכטיג פאר דאס לעבען און וואוילזיין פון די ארבייטער און אויך פאר די דויערהאפטיגקייט און וואוילגעהן פון דער אינדוסטריע.

די יוניאן איז בארייט אויסצונוצען דעם כוח, וואס זי רעפרעזענטירט אום צו העלפען ברענגען ארדנונג דארט, וואו עס איז איצט א כאאס. געוויסע פארשלעגע, וואס די יוניאן וויל פאר אייך פארברייגגען, רעפרעזענטירען די מאדערנע ציוויליזירטע מעטאדען פאר די אויסגלייכונג פון אלערליי סכסוכים צווישען די ארבייטער און זייערע בעלי־בתים.

זייט דעם יאהר 1916 געהט אן א שטענדיגער קאמף אין דער דרעס־אינדוסטריע, וואס דאס האט געבראכט דערצו, אז אנשטאט אן אינטעליגענטען קאנטראל פון דער אינדוסטריע, זיינען די פארהעלטניסע העכסט פארפלאנטערטע. דער סוועט־שאפ האט ווידער אויפגעלעבט, פילע פון די גארמענטס, וואס ווערען פארקויפט צום פובליקום, ווערען געמאכט אין זעהר אומגעזונטע שעפער, וואו ניט נאר דאס לעבען פון דעם ארבייטער איז אין געפאהר, נאר אויך דאס לעבען פון דעם פובליקום, וואס קויפט זיי.

די ארבייטס־פארהעלטניסע זיינען ניט אזעלכע, ווי זיי האבען באדארפט זיין, און עס קומט אויף די פראגע: זאלען מיר אנגעהן מיט דעם קאמף אויך אין דער צוקונפט, אדער לאמיר אננעהמען מעהר ציוויליזירטע און מעהר אינטעליגענטע מעטאדען.

קיין אינדוסטריע קען קיין קיום ניט האבען, ווען זי נעהמט ניט אן די ציוויליזירטע און אינטעליגענטע מעטאדען פאר דער אויסגלייכונג פון די פארהעלטניסע צווישען איהרע פארשידענע פאקטארען. דעטעקטיוו־אגענטורען, שלעגער, פארפאלגונג, געוואלט זיינען ניט די מעטאדען, מיט וועלכע ציוויליזירטע מענשען גלייכען אויס זייערע סכסוכים.

מיר שרייבען אייך דעם בריף, און מיר האפען ערנסט צו מאכען אייך זעהן די נויטווענדיגקייט צו עטאבלירען אין דער דרעס־אינדוסטריע די ריכטיגע מיטווירקונג צווישען אלע פאראינטערעסירטע צדדים. מיר מוזען אלע פיהלען די פאראנטווארטליכקייט, און מוזען אויך האבען אין זינען, דאס דער קויפענדער פובליקום וועט פריהער אדער שפעטער אויסגעפינען אונטער וועלכע צושטענדע פילע פון די גארמענטס אין שיקאגא ווערען געמאכט, און ער וועט זיך אנטזאגען פון צו קויפען זיי, ווי ער האט עס ביז איצט געטאן.

מיר זיינען גאנץ אפענהערציג. דער וואוילזיין פון אונזער מעמבערשיפ הענגט אפ פון דעם וואוילגעהן פון דער אינדוסטריע. מיר ווילען גערן מיטווירקען מיט אייך, אום צו העלפען ברענגען פראספעריטי אין דער אינדוסטריע. מיר טוען דארום אלעס מעגליכעס, אום אויסצומיידען אלע מעגליכע שטערונגען, און מאכען א סוף צו די קריגעריען און קאמף אין דער אינדוסטריע זייט דעם אויבען־דערמאנטען יאהר.

מיר האפען, אז איהר וועט אויפנעהמען דעם בריף אין דעם גייסט, אין וועלכען ער איז געשריבען, און דאס איהר וועט זיך צוזאמענריידען מיט אונז פאר מאנטאג, דעם 18טען.

מיר בלייבען הערצליך אייער,
דזש. באארד, שיקאגא לאקאלס,
פער מ. פערלשטיין,
וויים־פרעז. א. ל. ג. וו. י.

דער בריף צו די יוניאן־מאנופעקטשורערס.

פעברואר 7, 1924.

דזשענטעלמען:—

אייך איז געוויס באקאנט, דאס אונזער דרעסמייקער יוניאן פון שיקאגא האט פאר די לעצטע 8־9 מאנאטען אנגעפיהרט אן ארגאניזיישאן־קאמפיין אום אויסצוגלייכען די צושטענדע אין דער אינדוסטריע, און בייצוברענגען א בעסערע פארשטענדניס צווישען די ארבייטער און ארבייטס־געבער.

דער קאמפיין האט דערגרייכט א פונקט, ווען די יוניאן איז פערטיג פארצולייגען פאר אייך געוויסע גאנץ קאנקרעטע פארשלעגע, וועלכע זיינען העכסט־וויכטיג פאר דאס לעבען און וואוילזיין פון די ארבייטער, און זיינען גוט פאר דער אינדוסטריע אין אלגעמיין.

די יוניאן ווינשט ערנסט, דאס די פריינדליכע פארהעלטניסע, וואס מיר האבען מיט אייער פירמע, זאלען אויך ווייטער אנהאלטען. מיר האבען אונזער סעטעלמענט העדקווארטערס אין אטלאנטיק האטעל, 316 ס. קלארק סט., רום 116. אנפאנגענדיג מאנטאג, דעם 11טען פעברואר, וועלען אונזערע פארשטעהער זיין פארטיג אייך אויפצונעהמען, אום צו קומען צו א פארשטענדניס, און אזוי אנהאלטען אונזערע פרידליכע פארהעלטניסע.

די הערשענדע אינדוסטריעלע לאגע פאדערט דעם גוטען ווילען פון ביידע

GERECHTIGKEIT
A Jeewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANGFSKY, Editor.
A. BAKOFF, Sec'y Treas. — H. A. SCHOOLMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VI. No. 7. New York, Friday, Feb. 15, 1924.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y. under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

אין דער ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17

לואיס גרינבערג איז דא.

די געשיכטע לואיס גרינבערג קאן זיך לעזען אזוי ווי א ראמאן. עס איז א געשיכטע פון קאמף, נידערלאגעס, זיגע, טראגעדיעס און קאמעדיעס, מיט אן ענדע „און זיי האבען געלעבט גליקליך צוזאמען פאר אימער און עוויג". דאס הייסט אויף איינפאכען אידיש: און דער טאטע האט דער מאמען גענומען.

אבער צו וואס זאלען מיר אייך אזוי פיעל גייענריג מאכען מיט הקדמות. מיר וועלען גלייך צוגיין צו דער ערצעהלונג. העט זיך נאר גוט איין.

אמאל, אין די טעג פון דעם אנפאל פון דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן אויף דער קלאוקמאכער יוניאן, האט זיך אין דער, שטארט ניו יארק געפונען א ריפער שאפ אונטער דעם נאמען: לואיס גרינבערג און בראס. דיזער שאפ איז געווען א יוניאן שאפ. די ארבייטער האבען דארטען געהאט א צייט־קאנטראקט און די בעלי־בתים — האבען געמאכט געלט. ביז עס איז געקומען א טאג און דער פירמע איז מיאוס געווארען דער רוהיגער לעבען, דער אנשטענדיגער צוזאמענלעבען זיך מיט די ארבייטער, און האבען צו זיך אליין א זאג געטאן: „הבה נתחכמה". זיי האבען זיך אוועקגעלאזט אין דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן, האבען אנגעהויבען זוכען זייערע ארבייטער ביז זיי האבען געפונען דאס וואס זיי האבען געזוכט. דער שאפ איז ארונטער אין סטרייק און די פירמע מיט דער פראטעקטיוו האבען ערקלערט קריג דער יוניאן.

דאס איז די ענדע פון קאפיטעל 1.

נאכהער האט זיך אנגעהויבען די אמת'ע שלאכט. פאר וואכען און וואכען האבען די ארבייטער געפיקעט דעם שאפ, נאכגעפאלגט די ארבייט, געזעהן אז קיין סטרייק ברעכער זאלען זיך נים ארויפכאפען אין שאפ, און געטאן אלע אנדערע נויטיגע זאכען, וואס דארפען געטאן ווערען פון גוטע, ערהליכע סטרייקערס. אלעס האט אויסגעזעהען צו זיין אין בעסטען ארדנונג פאר א צייט, און די יוניאן האט זיך געהאלטען אין איין ריכטען אויף א זיעג. אבער דער ערוווארטעטער זיעג איז לײדער ניט אזוי שנעל געקומען. דאס אונערווארטעטע האט פאסירט. א געוויסע צאהל ארבייטער האבען פאראטען דעם סטרייק און זיינען אוועקגעגאנגען מיט דער פירמע אלס סטרייק־ברעכער, קיין סאוט נארוואלק, קאנ., וואו די פירמע האט געעפענט א שאפ. דאס איז די ענדע פון קאפיטעל נומער 2.

נאכדעם האבען זיך אנגעהויבען די לאנגע, די ענדלאזע אומעטיגע טעג. די יוניאן האט געפיהלט דעם פאראט. גרוסע האבען אנגעהויבען אריינקומען; פון דעם לאגער פון די פאררעטער: איינער האט דאס געזאגט; א צווייטער האט זיך אזוי אויסגעשפראכען; א דריטער האט זיך אזוי אויסגעדריקט. מען האט דערציילט, צום ביישפיעל, ווי די סטרייקער, וואס האבען די יוניאן פארלאזען, האבען צווישען זיך שפאס געמאכט פון דער יוניאן דארטען, אויף דער גרינער לאנקע, וואס האט דעם סקעב שאפ אין דער קאנטרי באפוצט; ווי זיי האבען זיך געגען דער יוניאן פארמאסטען; ווי זיי פלעגען סטראשען, אז קוים וועט זיך יעמאנד ווייזען פון דער יוניאן, וועלען זיי איהם זייער פיזישע מאכט לאזען פארזוכען. אט אזוי האבען זיך די טעג פון אנטוישונג און פארדרוס געצויגען, און אט אזוי האט זיך די פירמע געפייערט איהר זיעג. ביז... דער גענעראל סטרייק און „סטאפעדוש" האט אויסגעבראכען.

אין פארלויף פון סטרייק האבען זיך אנגעהויבען ארומטראגען פארשידענע קלאנגען וועגען לואיס גרינבערג'ס שאפ אין סאוט נארוואלק. עס האט זיך אנגעהויבען טראגען קלאנגען, אז א גענוגענדע צאהל ארבייטער פון שאפ האבען אנגעהויבען צוריק בייגקען נאך דער יוניאן. זיי ווילען קומען צוריק אהיים. און איינמאל, א פרייטאג צונאכט, איז א קאמיטע אהין ארויסגעפאהרען. די נאכט איז געווען א פינסטערע, א פייכטע. די קאמיטע האט געדארפט זוכען איהר וועג צו א קליינער הייזעל, וועלכע איז געווען באהאלטען אין קוסטען און בוימער. ביינאכט האט זיך ארויסגעדאכט ווי די הייזעל וואלט געווען געשטאנען אליין אין א ווייסטען גרויסען פעלד. עפעס אזוי ווי א מתים שטיבעל אויף א בית עולם. א שוואכער מאטער שטראל האט זיך דורכגעשניטען דורך די צווייגען פון דער ליכט פון דעם הויז אין יענער פינסטערער נאכט. דאס האט דער קאמיטע דעם וועג אנגעצייגט. ווען די קאמיטע איז אין הויז אריין, האט דארטען געהערשט א טויטע שטילקייט. א צוויי־ברידער האט די קאמיטע דארטען געטראפען, בלאכע פון שרעק. אבער ניט פאר דער קאמיטע האבען זיי זיך דאס געשראקען, נאר פאר די שפיאנען פון דער פירמע. ווי זיי האבען דער קאמיטע ערקלערט, האבען זיי דיזען באזוך ערוווארטעט. אינסטינקטיוו האבען זיי געפיהלט, אז די יוניאן איז אויפ'ן וועג. נאר זיי האבען זיך געשראקען, אז די פירמע זאל ניט צו שנעל אויסגעפינען וועגען דער קאמיטעס אנוועזענהייט און זאל ניט צושטערען די פלענער.

האט מען גלייך אנגעהויבען מאכען פלענער פאר האלטען א מיטינג. אט גלייך אין מיטען דער נאכט. אבער וואו קריגט מען די לייטע? וועמען זאל מען רופען און וועמען זאל מען אויסלאזען? און איבערהויפט, וואו זאל דער מיטינג געהאלטען ווערען? עס איז גלייך פארשטאנען געווארען, אז אין סאוט נארוואלק קאן אזא מיטינג ניט געהאלטען ווערען, ווייל וואו מען זאל זיך ניט צוזאמענקומען, וועט די פירמע גלייך קריגען א טעלעפאן וועגען דעם מיטינג און דער מיטינג וועט גלייך צושטערט ווערען.

איז באשלאסען געווארען, אז דער מיטינג וועט דארפען געהאלטען ווערען אין אנאנדער שטעדטעל. נאכהער האט זיך אנגעהויבען די ארבייט פון געהן קלאפען אין די לאדען. רופען צו סליחות; וועקען די איינגעשלאפענע זיי זאלען אויפשטעהן און געהן צום מיטינג.

צווישען די פינסטערע שטעגעלאך האט זיך די קאמיטע דורכגעריסען. שטיל, אויף די שפיץ פינגער האבען זיי געמארשירט. אלעס איז געווען טויט. אלעס איז געווען שטיל. בלויז פון צייט צו צייט פלעגט זיך די שטילקייט איבעררייסען מיט א שושקע פון איינעם פון די ארבייטער צו דער קאמיטע: האט נאר קיין מורא ניט. מיר וועלען פאר אייער זיכערהייט מיט'ן לעבען באצאהלען. קומט, איהר זייט אונטער אונזער פאלשטענדיגען שוץ. אזוי ארום איז מען פון הויז צו הויז געגאנגען ביז די אלע וועמען מען האט געקענט גלויבען אין טרויען זיינען צוזאמענגעקליבען געווארען.

דאס איבעריגע איז שוין געווען גאנץ לייכט. מען האט געדונגען 3 אויטאמאבילען און מען האט זיך אוועקגעלאזען וואוהין די אויגען האבען געטראגען. אוועק פון דער שטיקענדער לופט; ארויס פון דער שטעטעל, ערגעץ אין אן אנדער שטאדט, וואו מען קען האלטען א פארזאמלונג אומגעשטערט. די מאשינען האבען זיך געטראגען דורך בערג און טאלען, דורך פעלדער און וועלדער. יעדע טרובע פון דער מאשין האט די לופט געריסען, און אין יעדען קלאנג האט זיך געהערט אן אויסגעשריי פון נצחון: מאכט א ווארע! דער ארבייטער גייסט טראגט זיך אין דער פינסטערער נאכט! יא. עס איז געווען קאלט און פייכט ארום, אבער אין די הערצער האט געהערשט אזא ליבע, אזא זיסע ווארימקייט פון דעם נייעם צוזאמענקונפט פון צוזייטע, פון צושפרייטע, פון פארוואגעלטע און פון פארהאסטע ארבייטער קינדער.

יענע נאכט איז א פארזאמלונג געהאלטען געווארען אין איינעם פון די האטעלס פון א דערבייאיגער שטעדטעל. און דארטען איז דער יוניאן גייסט ווידער געבוירען געווארען צווישען די ארבייטער, וואס האבען די יוניאן מיט מאנאטען צוריק פארלאזען. און דארטען האבען אט די זעלבע וואס האבען די יוניאן פארראטען, „געגעבען א הייליגע שבועה ניט צו רוהען ביז דער שאפ וועט ווייטער געבראכט ווערען אין די רייען פון יוניאן שעפער.

אין א וואך אדער צוויי שפעטער זיינען די גרעסטע צאהל ארבייטער פון דער פירמע לואיס גרינבערג בראס., פון סאוט נארוואלק, ארויס אין סטרייק, און א נייער קאמף האט זיך אנגעהויבען געגען דיזער איינגעשפארטער פירמע. דערמיט ענדיגט זיך קאפיטעל נומער 3.

דער סטרייק אין סאוט נארוואלק האט אנגעהאלטען פאר איינינע מאנאטען. די יעניגע וואס זיינען ארויס אין סטרייק זיינען געשטאנען דרייסט און מוטיג די גאנצע צייט. דער סטרייק האט זיך אבער זעהר לאנג פארצויגען. די ארבייטער האבען אנגעהויבען פיהלען דעם טעם פון הונגער. די יוניאן האט איינגעזעהן אז אונטער די אומשטענדען וואלט זיך בעסער געלוינט ארויפצושיקען די ארבייטער פאר א ווײלע צוריק צו דער ארבייט, זיי זאלען זיך קאנען ערהאלען. נאך איינינע מאנאטען האבען זיך די ארבייטער אומגעקערט צו דער ארבייט. טאקע אהין אן אפיציעלע יוניאן, אבער אליין זיינען זיי געווען שוין יוניאן לייט.

די פירמע האט נאכדעם דערפיהלט די מאכט פון דער יוניאן און האט איינגעזעהען אז עס לוינט זיך שוין מעהר ניט צו „פייטען" מיט דער יוניאן. אבוואהל די ארבייטער זיינען ארויף צוריק צו דער ארבייט אהין אן אפיציעלען סעטלמענט, האט אבער די פירמע דייטליך איינגעזעהען אז דער שפיל איז פאר'ן טייוועל. די פירמע האט גלייך אנגעהויבען פארהאנדלונגען מיט דער יוניאן. און נאך איינינע קאנפערענצען האט די פירמע איינגעשטימט אויפצוגעבען דעם שאפ אין דער קאנטרי און קומען צוריק קיין ניו יארק. היינט איז שוין די פירמע צוריק אין ניו יארק. דער שאפ איז ווייטער א יוניאן שאפ. די ארבייטער זיינען צוריק מיט דער יוניאן. און דאס איז די ענדע פון קאפיטעל נומער 4 און די ענדע פון ראמאן — לואיס גרינבערג און בראדערס.

מיר וואלטען געוואלט בעטען די ברידער, וואס ווילען איבערבייטען זייערע ביכלאך, צו קומען אליין אין אפיס און ניט שיקען עס מיט קיינעם. מיר נעמען יעצט אויף די אדרעסען פון יעדען מיטגליעד. ווען דער בוך וועט געשיקט ווערען מיט אנאנדערען, האבען מיר ניט די געלעגענהייט צו קריגען די אדרעסען. אויב עס מאכט זיך אז איהר קענט אליין ניט קומען און איהר שיקט דעם בוך מיט אנאנדערען, וואלטען מיר אייך געבעטען אנצושרייבען אייער אדרעס אויפ'ן יוניאן ביכעל. אויף אזא וועג וועט איהר אונז העלפען האלטען אייער רעקארד אין אפיס.

ד ז ש. העלער, סעק. לאק. 17.

אויפרוף צו די אידישע ארבייטער פון אמעריקא

ברידער און שוועסטער!

די ארגאניזירטע אידישע ארבייטער פון פאלעסטינא האבען דורך א בריוו צו די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פון ניו יארק זיך געווענדעט צו די אידישע ארבייטער מאסען פון אמעריקא צו פאראינטערעסירען זיך אין זייער ארבייט וואס זיי האבען אויפגעטאן.

דער בריוו איז געשיקט געווארען צו אונז פון דער פאלעסטינער אלגעמיינער ארבייטער ארגאניזאציע, וועלכע איז אנגעשלאסען אין דעם אמסטערדאמער טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל און איז דורך דעם אן אנערקענטער טייל פון דער גאנצער אינטערנאציאנאלער ארבייטער באוועגונג. אין זייער בריעף ווערט דערצעהלט, אז די דארטיגע אידישע ארבייטער האבען שוין אויפגעבויט יוניאנס, אז אלע פארטייען און ריכטונגען פון דער אידישער ארבייטערשאפט, ווי אויך די וועלכע באלאנגען איינגאנצען ניט צו קיין פארטיי, זיינען פאראייניגט אין דער אלגעמיינער ארבייטער ארגאניזאציע. עס ווערט אין דעם בריעף אויך דערצעהלט ווי אזוי די ארבייטער האבען דארט אויפגעבויט קאאפעראטיווע פאבריקען און לאנד ווירטשאפטליכע קאאפעראטיווען און ווי אזוי עס ארבייטען זייערע אינדוסטריעלע, אגריקולטורעלע, און קולטורעלע אינסטיטוציעס.

עס ווערט דארטען ווייטער דערצעהלט וואס פאר א שוועריגקייטען די אידישע ארבייטער האבען בייצוקומען אויפ'ן וועג. זיי בויען זייערע אינדוסטריעלע און אגריקולטורעלע קאאפעראטיווען ניט האבענדיג גענוג מאדערנע געצייג. זיי ארבייטען אונטער ניט גוטע סאניטארע באדינגונגען און האבען ניט גענוג מעדיקאמענטען צו היילען זייערע קראנקע ארבייטער. זיי זוכען צו באשאפען וואס מעהר ארבייטס פלעצער פאר נייע אידישע ארבייטס זוכער ניט האבענדיג גענוג מיטלען אויסצוהאלטען, פארגרעסערען און פארברייטערען זייערע אינסטיטוציעס.

דיזער בריוו האט ארויסגערופען א געוואלדיגען אינטערעס אין די אידישע ארבייטער קרייזען, און אויף קאנפערענצען וואס די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פון ניו יארק, שיקאגא און פילאדעלפיא האבען איינבערופען פון פיהרער פון אידישע טרייד יוניאנס און אינטערנעישאנאלס, איז באשלאסען געווארען צו קומען צו הילף אונזערע פאלעסטינער ברידער.

עס איז באשלאסען געווארען דורכצופיהרען א קאמפיין פאר דער פאלעסטינער אידישער ארבייטערשאפט. א קאמיטעט איז אויסגעקליבען געווארען אין וועלכען פארשטייער פון אלע אידישע ארבייטער יוניאנס זיינען פארטראטען. דיזער קאמיטעט וועט דורכפירען דאס קאמפיין איבער'ן גאנצען לאנד, און מיר ווענדען זיך צו אייך, אידישע ארבייטער און פאלקס מאסען פון אמעריקא, צו העלפען אונז דורכפיהרען דעם קאמפיין צו א פולען ערפאלג.

איבערלאזענדיג צו יעדען אידישען ארבייטער זיין גלויבען, אדער ניט גלויבען אין דעם ציוניסטישען אידעאל, מוזען מיר אלע געדענקען דעם פאקט, אז אין פאלעסטינא באפעסטיגט זיך א אידישע ארבייטערשאפט וועלכע בויט איהר לעבען אויף א געזונטען, פראדוקטיווען יסוד, און אט דערפאר רופען מיר אייך, ברידער און שוועסטער, גרינגער צו מאכען די שווערע לאסט פון די ארבייטער פון פאלעסטינא. מיר רופען אייך צו געבן זיי געצייג און מאשינען. מיר רופען אייך צו העלפען זיי פארמעהרען זייערע קאאפעראטיווע קאלאניעס כדי צו העלפען באזעצען נייע אידישע ארבייטער. מיר רופען אייך צו העלפען זיי בויען זייערע יוניאנס, זייערע איינענע פראדוציר און קאנסום קאאפעראטיוען, זייערע איינענע קרעדיט אנשטאלטען און אנדערע נויטיגע ארבייטער אינסטיטוציעס. און זאל אונז ניט אנטמוטיגען דאס וואס די לאגע אין ארץ ישראל איז איצט א שווערע לאמיר גוט געדענקען וויפיעל קרבנות אונז האט געקאסט ביז אונז איז געלונגען אויפצוהויבען אונזער ארבייטערשאפט צו א מענשליכער מדרגה.

רופט זיך אפ, שוועסטער און ברידער! רופט גלייך צוזאמען קאנפערענצען פון אלע אידישע ארבייטער ארגאניזאציעס אין אייערע שטעדט. גרינדעט קאמיטעטען אין יעדער שטאט פארבינדט זיך מיט אונזער הויפט קאמיטעט פון ניו יארק, און זאל דער קאמפיין איבער'ן גאנצען לאנד געטריבען ווערען מיט דער גרעסטער באגייסטערונג, מיט דער גרעסטער ווירדע, ווי עס פארדינט דער צוועק פון קאמפיין און ווי עס פאסט פאר דער אידישער ארבייטערשאפט פון אמעריקא.

זאל קיין איינציגער שטאט ניט פעלען אין דיזען קאמפיין. וואו נאר עס עקזיסטירט א אידישע יוניאן, א ברענטש פון ארבייטער רינג, א ברענטש פון אידיש נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד, א ברענטש פון א אידישער פארטיי, זאל דער קאמפיין געפירט ווערען! לאמיר באווייזען, אז ווען די ארגאניזירטע אידישע ארבייטערשאפט פון אמעריקא אונטערנעהמט א קאמפיין, פיהרט זי איהם דורך מיט ערפאלג!

מיט טיפען גלויבען, אז די אידישע ארבייטער און פאלקס מאסען וועלען ענטפערען אונזער רוף, צייכנען מיר,

געווערקשאפטען קאמפיין
קאמיטעט פאר די ארגאניזירטע אידישע ארבייטער
פון פאלעסטינא.

א שלעכטער מאגען

ברענגט קאפ־שמערצען, אונרייגע בלוט, אפענדיסיטיס און פיעלע אנדערע קראנקהייטען.

עקס־לאקס

דער טשאקאלאד אבפיהר־מיטעל

האלט אייער מאגען אין ארדנונג

עקס־לאקס קורירט פערשטאפונג און אין דערזעלבער צייט פערהיט עס אייך פון פיעלע קראנקהייטען, וועלכע קומען פון א שלעכטען און פערשטאפטען מאגען.

עקס־לאקס איז די וויכטיגסטע ערפינדונג פון דיזען יאהר־הונדערט און ווערט רעקאמענדירט פון פראמינענטע מאגען־ספעציאליסטען.

10, 25 און 50 סענט א באקס. אין אלע דראג סטארס.

ארטור גליסאן אלס פריינט פון דער ארבייטער זאך.

א רעדע געהאלטען אויפ׳ן מעמאריאל מיטינג דעם 3טען פעברואר, 1924.

פון פאניא מ. קאהן

עס איז שווער פאר יעדען איינעם צו ווערען מער אדער צו פיל געשעטעלט, פלעגט ארטור גליסאן ווארענען די מענשען, וואס באטייליגען זיך אין דער ארגאניזירטער ארבייטער באוועגונג.

פון דער ארגאניזירטער ארבייטער־באוועגונג האט ער זעהר פיל געהאלטען. ער האט געוואלט זעהן די גאנצע וועלט ארגאניזירט אויף אזא אופן, אז אלע מענשען זאלען קאנען זיך פיהלען אין איהר גליקלאך און צופרידען, און ער האט גערענקט, אז עס איז געפאלען דער גורל אויף דער ארגאניזירטער ארבייטער באוועגונג צו ברענגען די וועלט צו אזא צושטאנד.

און אין דער ארבייט האט ער די ארגאניזירטע ארבייטער באוועגונג מיטגעהאלפען. ער האט אויך ערקלערט פאר די ארבייטער די וויכטיגקייט פון די טרייד־יוניאנס, און ער האט זיי כסדר צוגעגעבען מוט צו בויען זייערע אייגענע אינסטיטוציעס אויף א נייען באזיס, אלע מאל אנווייזענדיג, דאס מען דארף אנווענדען אן אויסערגעוויינליכע אנשטרענגונג צו דערגרייכען דעם ציעל.

און ער האט אנגעוויזען די ארבייטער, ווי אזוי אט דער ציעל קאן דערגרייכט ווערען. ער האט אנגעוויזען אויף די פיעלע טעטיגקייטען, וואס דארפען אנגעפיהרט ווערען אין די טרייד יוניאנס גופא, אום צו דערגרייכען דעם ציעל און צוועק. ער האט אנגעוויזען אויף די טעטיגקייטען, וואס דארפען אנגעהן אויפ׳ן קאאפעראטיווען, עדיוקיישאנאל, עקאנאמישען און פאליטישען געביט. ער איז געווען איבערצייגט, דאס דורך דיזע טעטיגקייטען וועט די ארבייטער באוועגונג אנטוויקלען די פיהרער, וואס זי דארף האבען, פון איהר אייגענעם קרייז. ער איז זיכער געווען, אז אין דער ארבייטער באוועגונג זיינען פאראן די נויטיגע קרעפטען, די מענשען וואס די באוועגונג דארף האבען, נאר מען דארף זיי געבען א געלעגענהייט זיך צו אנטוויקלען.

ער האט שטארק געגלויבט אין דער ארגאניזירטער ארבייטער באוועגונג און ער האט איהר ליב געהאט, מיט דער ליבע פון א מענש מיט א גרויסע הארץ, און מיט א פראפעטישען בליק האט ער אריינגעקוקט אין דער צוקונפט און געזעהן, אין וועלכער ריכטונג עס געהט אן די סאציאלע אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט.

ער איז געווען אן אידעאליסט און ער האט געגלויבט, אז די טרייבענדע קראפט אין דער טרייד יוניאן באוועגונג דארף זיין אן אידעאליסטישע, ער האט אבער אויך ניט אוועקגעמאכט אונטער׳ן האנט די פראקטישקייט. ער האט געהאלטען, אז די באוועגונג דארף זי האלטען אויף די אייגענע כחות, אויף די אייגענע מענשען, וואס אנטוויקלען זיך אין דער באוועגונג, און ער האט געגלויבט, דאס אויף די מענשען קאן מען זיך אם בעסטען פארלאזען. ער האט געגלויבט, דאס די ארבייטער באוועגונג וועט קאנען נעמען אויף זיך די היסטארישע ראלע וואס ערווארטעט איהר נאר דעמאלט, ווען זי וועט האבען אנטוויקעלט אין איהרע רייהען די נויטיגע פיהרערשאפט, ווען זי וועט האבען אנטוויקעלט פעהיגע פערזאנען אויף די אלע געביטען פון געזעלשאפטליכען לעבען, אויפ׳ן עקאנאמישען, פאליטישען און אינטעלעקטועלען.

ער האט אויך ניט פארפעלט צו נעמען א שטארקען אינטערעס אין דער באוועגונג פאר „לייבאר עדיוקיישאן”. מיט זיין דורכדרינגענדען בליק האט ער געזעהן אלץ וואס געהט פאר אין דעם היינטיגען אינדוסטריעלען סיסטעם; ער האט באמערקט דעם גרויסען הונגער פון די ארבייטער מאסען קערפערליך און גייסטיג, און געזאגט זיין ווארט, דאס דער גייסטיגער הונגער פון די מאסען קאן אם בעסטען געשפייזט ווערען אין דער ארבייטער באוועגונג גופא. אט איז אן אויסצוג פון זיינע אייגענע ווערטער, וואס ער האט געזאגט וועגען דעם ענין:

„ארבייטער בילדונג דארף קומען פון דער ארבייטער באוועגונג גופא, — דאס קאן ניט אויף איהר ארויפגעצוואונגען ווערען פון דרויסען. דאס איז א וויסענשאפט פון אויפבויאונג און איבערבויען. דאס איז א וואפען אין דעם קאמף צו באפרייען דעם ארבייטער קלאס, אינדיווידועל און קאלעקטיוו. צו דערגרייכען דעם צוועק געברויכט די ארבייטער באוועגונג יעדע הילף וואס זי קאן נאר קריגען, רייכער צו מאכען דאס לעבען פון דעם איינצעלנעם, ווי פון דער גאנצער גרופע. ארבייטער בילדונג איז אזא וויכטיגער טייל פון דער באוועגונג, ווי די טרייד יוניאן גופא. ווען דיזע ארבייט ווערט אנגעפיהרט פון דרויסען, פון זייטיגע בעלי־טובות, ווערט עס א „וועלפעיר קלוב”. ווען די ארבייטער בילדונג ווערט קאנטראלירט פון אנדערע ארגאניזאציעס און ניט פון די יוניאנס גופא, פארבלייבט עס אין דער קאטעגאריע פון בילדונג פאר ערוואקסענע מענשען, אבער עס הערט אויף צו זיין ארבייטער בילדונג, דער סארט בילדונג, וואס איז ספעציעל צוגעפאסט פאר די ארבייטער מאסען”.

דאס איז כאראקטעריזירט ארטור גליסאן, דעם מענש און דעם פריינד. דאס רעדט פון זיין גוטסקייט, פון זיין גרויסער סימפאטיע פאר די אינטערדריקטע און פארשקלאפטע, פון זיין גרויסע נשמה, פון זיין איינפאכקייט, פון זיין ערנסטקייט און פון זיין גרויסען וואונש צו העלפען זיין דור זיך אויפהויבען אלץ העכער און העכער.

פאר די וואס האבען איהם געקענט פון נאהענטען, איז עס שווער אויסצודריקען אין ווערטער, וואס זיי פיהלען אויף דעם גרויסען פארלוסט, וואס ער איז שוין מעהר ניט מיט אונז. זיין אנדענקען ייערען זיי קיינמאל ניט פארגעסען.

דר. י. ה. לייאן אין ארבייטער אוניווערזיטעט.

מיר באדויערען, וואס צוליב קראנקהייט, האט דר. י. ה. לייאן לעצטען שבת ביי טאג ניט געקענט אנפאנגען זיין קורס אין אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט. דער קורס וועט זיך אנפאנגען דעם שבת, דעם 16טען פעברואר, אין די וואשינגטאן אירווינג הײ סקול, אין רום 529.

דער קורס וועט באשטעהן פון זעקס לעססאנס. ער וועט רעדען איבער „די מאדערנע בעלעטריסטיק”. אזוי ווי דער קורס איבער ליטעראטור, וואס איז ביז איצט געגעבען געווארען, האט זיך פארנומען מיט אנדערע פאזען אין דער ליטעראטור, וועלען די סטודענטען געוויס זיין צופרידען מיט דעם קורס.

ב. וולאדעק פאנגט אן א קורס אין בראנזוויל אין אידיש.

מיטוואך אוונט, דעם 20טען פעברואר, וועט ב. וולאדעק אנפאנגען א קורס איבער דער טעמא „די רעכטען און פליכטען פון יוניאן מיטגלידער”. ער וועט רעדען אין אידיש.

דער קורס וועט געגעבען ווערען אין דעם בראנזוויל לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סטריט.

דער צוועק פון דעם קורס איז צו באקענען די סטודענטען ווי אזוי יוניאן מיטינגען דארפען געפיהרט ווערען, לויט די פרינציפען פון פארלאמענטאריזם, און וועלכע רעכטען און פליכטען די יוניאן מיטגלידער האבען, ווען זיי זיינען אנוועזענד אויף א יוניאן מיטינג. דערביי וועט דער לעקטשורער אויך אנווייזען, וואס עס מיינט „א גראדער געדאנק”, און ווי אזוי געדאנקען דארפען ווערען אויסגעדריקט, כדי צו מאכען אן איינדרוק.

איינטריט פריי פאר די מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל.

טיקעטס צו האלבע פרייזען צו סימפאניע קאנצערטען.

ווי אונזערע לעזער ווייסען שוין, קאנען אונזערע מיטגלידער באקומען טיקעטס צו די סטייט סימפאניע קאנצערטען פאר א האלבען פרייז. דער נעקסטער קאנצערט זייערער וועט פארקומען זונטאג, דעם 17טען פעברואר, אין מעטראפאליטאן אפערא הויז, מיט יאזעף סטראנסקי אלס קאנדוקטאר, בראניסלאוו הובערמאן וועט זיין דער סאלאאיסט.

דאסגלייכען קאנען אונזערע מיטגלידער באקומען טיקעטס צו האלבע פרייזען צו די קאנצערטען פון דער פהילהארמאניק ארקעסטער. און מיר מאכען אויפמערקזאם אונזערע מיטגלידער וואס נעמען די קארדס אין די אפיסעס פון דער יוניאן, וואס בארעכטיגען זיי צו די האלב־פרייז טיקעטס, דאס אויף יענע קארדס ווערט אנגעוויזען וואו דיזע קארדס דארפען אויסגעביטען ווערען פאר די טיקעטס. מאנכע מעמבערס מיינען, אז די קארדס קאן מען אויסבייטען אין באקס אפיס, און זיי געהען גלייך אהין, ניט אכטענדיג וואס אויף די קארדס ווערט אנגעוויזען, אז מען דארף זיי אויסבייטען פאר טיקעטס איז אפיס פון ארקעסטער. זאלען די מיטגלידער, וואס נעהמען די קארדס, דאס נעהמען אין אכט, וועלען זיי פארשפארען טראבעל זיך און אנדערע.

די קלאסען פון אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט

וואשינגטאן אירווינג הײ סקול, אירווינג פלייס און 16טע סטריט, רום 529.

שבת, 1.30 בייטאג, דעם 16טען פעברואר.

י. ה. ה. לייאנס וועט ריידען איבער: „די סאציאלע כוחות אין דער איצטיגער ליטעראטור”.

שבת, 2.30 בייטאג,

בענדזשאמין סטאלבערג וועט ריידען איבער: „די ארבייטער לאגע אין די הייפט אינדוסטריען” — די פעקינג אינדוסטריע.

זונטאג, 10.30 אין דער פריה, דעם 17טען פעברואר.

פראפעסאר קאלהאן וועט געבען א קורס איבער: „סאציאלע אינסטיטוציעס.”

זונטאג, 11.30 פריה.

דר. ה. י. קארמאן וועט געבען א קורס איבער „די ענטוויקלונג פון דער מאדערנער אייראפא.”

יוניטי צענטערס פון אונזער אינטערנעשאנאל

די פאלגענדע יוניטי סענטערס זיינען אפען פאר לערנען:
די קלאסען פאנגען זיך אן אום 7:30

איסט סייד יוניטי צענטער.

פאבליק סקול 63 — פערטע סטריט, נעבען ערשטער עוועניו, מאנהעטען.

מיטוואך, 20טען פעברואר, 8 אוהר אוונט, וועט א. ל. ווילבערט געבען א קורס איבער: „מאדערנע און עקאנאמישע אינסטיטוציעס”.

בראנקס יוניטי צענטער.

פאבליק סקול 61 — קראטאנא פארק איסט און שארלאט סטריט, בראנקס

דינסטאג, דעם 19טען פעברואר, 8.30 אוונט, וועט מיס סילוויא קאפאלד געבען א קורס איבער: „עקאנאמיקס און די ארבייטער־באוועגונג.”

הארלעם יוניטי צענטער.

פאבליק סקול 171 — 103טע סטריט לעבען 5טע עוועניו.

מאנטאג, דעם 18טען פעברואר, 8.30 אוונט, וועט מאקס לעווין געבען א קורס איבער: „די געשיכטע, צילען און פראבלעמען פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג.”

בראנזוויל יוניטי צענטער.

פאבליק סקול 150, קריסטאפער עוועניו און סעקמאן סטריט, מאנטאג אוונט, דעם 18טען פעברואר, וועט מיס סילוויא קאפאלד געבען א קורס איבער: „עקאנאמיקס און די ארבייטער באוועגונג.”

מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך אוונדס, ווערט אין די אלע יוניטי צענטערס געלערענט ענגליש, א חוץ די אנדערע סאבדזשעקטס וואס דארט ווערען געלערענט.

עקסטענשאן דיוויזשאן

דאנערשטאג, דעם 14טען פעברואר.

מיס סילוויא קאפאלד וועט ריידען אין אידיש, 9 אוהר אוונט, אין אפיס פון לאקאל 9, 14טע סט. און 2טע עוועניו, איבער: „די אמעריקא פון היינט צו טאג.”

פרייטאג, דעם 15טען פעברואר.

א לעקטשור אין רוסיש, פאר דעם רוסיש־פוילישען ברענטש, אין 513 איסט 10טע סטריט. ק. מ. אברוטשקף וועט ריידען איבער: „טרייד־יוניאניזם אין אמעריקא און אין אייראפא.”

א ריהוירסעל פון דעם אינטערנעשאנאל כאר, אין דעם בראנזוויל לייבאר לייסעאום, 229 סעקמאן סט., בראנזוויל. מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל זיינען געלאדען צו קומען.

שבת, דעם 16טען פעברואר.

א לעקטשור פון מאקס לעווין, 1 אוהר בייטאג, אין אפיס פון לאקאל 9, 228—2טע עוועניו. ער וועט רעדען אין אידיש, איבער: „מאדערנע עקאנאמישע אינסטיטוציעס”.

זונטאג, דעם 17טען פעברואר.

מאקס לעווין וועט רעדען אין די קלאב רומס פון לאקאל 1, 1581 וואשינגטאן עוועניו, איבער: „די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג.”

ה. ראגאף וועט רעדען אין אידיש, אין קליטמאן האל, 151 קלינטאן סט., איבער: „די אמעריקאנער ציוויליזאציע”. די לעקטשור וועט זיך אנפאנגען 12 מיטאג צייט.

מיטוואך, דעם 20טען פעברואר.

ב. וולאדעק וועט געבען א קורס אין אידיש, איבער: „די רעכטען און פליכטען פון יוניאן מיטגלידער”. דער קורס וועט געגעבען ווערען אין בראנזוויל לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סט., אום 8.30 אוונט.

דאנערשטאג, דעם 21טען פעברואר

מר. גאלדבערג וועט פארזעצען זיין קלאס אין ענגליש, אין דעם עדיוקיישאנאל סענטער פון די ריפער מאכער יוניאן, לאקאל 17, אין 142 2טע עוועניו. דער קלאס וועט געגעבען ווערען פון 6 ביז 8 אוהר.

מאקס לעווין וועט לעקטשורען אין אודיטאריום פון אונזער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט, פאר די שאפ־טשערליים און עקזעקוטיוו באארד מעמבערס פון לאקאל 91. ער וועט ריידען איבער: „די צילען און פראבלעמען פון דער ארבייטער באוועגונג”. די לעקטשור וועט זיך אנפאנגען 6 אוהר, גלייך נאך דער ארבייט. די לעקטשור ווערט געהאלטען אין אידיש.

די קורסען אויף דער פראווינץ

אין נוארק, ניו דזשערזי.

דינסטאג אוונט, דעם 19טען פעברואר, וועט מאקס לעווין ריידען אין 103 מאנטגאמערי סט., נוארק, פאר די מיטגלידער פון לאקאל 21. ער וועט ריידען איבער „די פראבלעמען און די טאקטיק פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג.”

אין פילאדעלפיא.

מאנטאג, דעם 18טען פעברואר, 6 אוהר פארנאכט, וועט ב. גלאסבערג ריידען איבער: „די סאציאלע און טרייד־יוניאן געשיכטע”. דער קורס ווערט געגעבען אין אפיס פון די וויסט מאכער יוניאן, 1018 טשערי סט.

לבנה־ליכט

פון ב. גלאזמאן

אין שפּעט־נאַכט האט זיך ערע אויפ־
געכאַפּט, עפּעס האט אים א צונד גע־
טאָן. ברייט און זיך וואונדערענדיג האט
ער פאַנאַנדערגעעפענט די אויגען, דער־
וועהענדיג א וועהונג.

א גרויסע ליכטיגקייט האט דורכ'ן
פענסטער אריינגעשטראָמט, אזא ליכטיג־
קייט וועלכע ער האט נאָך קיינמאָל ניט
געזעהן ביינאַכט, א ווייסע און א שטי־
לע ליכטיגקייט, וואס האט אנגעפילט די
לופט מיט שטילע שטראַהלען.

מיט א הילכיגען פראַל האט ער די
פענסטער פאַנאַנדערגעעפענט. קאַלטע
לופט האט אריינגעשטראָמט. א פויגעל
האט וואו א פאַרשלאָפענעם פּישטש גע־
טאָן. ער איז געבליבען זיצען ביים פענס־
טער און האט באַטראַכט די פרעמדע
נאַכט. פון דער לופט און ארום זיין קאָפּ,
האט זיך אנגעהויבען גיסען אן איינזאמע
פרייד.

ער האט זיך אויפגעהויבען אויף זיין
ריין־ווייסען געלעגער, אליין א ריינער, ווי
א גע'טובל'טער, און א ווייס־אנגעטאָנע־
נער אין ווייס־ ליכטיגע פאַרזשאַמעס. ער
האט זיך מיט'ן עלענבויגען אנגעשפּאַרט
אויפ'ן פענסטער־שוועל. זיין פּנים איז
אַזש ברייט געוואָרען מיט וואונדער־
גענען דעם גרויסען ליכט, וואס האט אים
אויפגעשיינט ביינאַכט.

אין דערזעלבער צייט דערפילט ער א
מידיגקייט, און וויל זיך צוריק אויפ'ן
בעט אנידערוואַרפען. ער דערהערט אבער
דאָ א קרעה. ערגעץ האט זיך אויפגע־
כאַפּט א האָהן, ווען עס האט אנגע־
הויבען צו רעגען אונטער די פליגלען פון
דעם פייער פון דער שפּאַצירענדער פּמליא
דאָרט הויך, אין דער שטיל פינקעלדיגער
שטילקייט, וואס איבער דער שטערען־
וועלט. דער האָהן הויבט אן צו פּאַטשען
מיט די פליגלען געצוואונגענערהייט, און
גיט אַרויס אן אויסגעצווינגענעם פאַר־
טאָגיגען קרעה.

עס גיט א ציטער די טונקעל בלויע
לופט, און רעדעלאַך און קרייזלאַך הוי־
בען זיך אן דרעהען איינס אין דעם אנ־
דערען.

האט עס ערע'ן אויך א בריה געגעבען
אין דער נאַכט און ער איז ארונטערגע־
שפּרונגען פון בעט.

און אַט איז ער שוין אין דרויסען. א
לייכט־אנגעטאָנענער.

אין דרויסען איז שטאַרק־בלוי.

פון וואַנען קומט זי, די גרויסע
ליכטיגקייט? עס איז דאָך ניט קיין
אויראָרא באָרעאַליס, ווייל ווייט איז די
געגענט, וואו ער געפינט זיך איצט, פון
יענע צפון'דיגע געגענדען, וואו דאָס ליכט
פון וואונדער ווייזט זיך פאַר מענשען...
און קיין דין־גרויסשפּראַצענדיגע זיילען
ליכט, ווי בלייך ווייסליכע פינגער פון א
גרויסער אויסגעשפּרייטער האַנט, זיינען
אויך ניט צו זעהן אויפ'ן הימעל: דער
הימעל איז ליכטיג־בלוי, כמעט בלייך. א
גרויסע פולע לבנה היינגט דאָרטען אין
סאַמע מיטען, און גיט אַרויס פון זיך אַזא
שטאַרק שימערנדיג ליכט, וועלכעס ערע
האט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. עס זיי־
נען ניטאָ קיין שטערען, נאָר א ווייסלאַך
בלויע פּערלמוטערנע ליכט פילט אן די
לופט.

און ערע האט זיך דערפילט וואונדער־
באַר, ווי ער וואָלט פאַרוואָרפען געוואָרען
אין א חלום לאַנד, אינ'ם לאַנד פונ'ם
בלייך־ווייסען ליכט, וואו מענשען ברענען
אויס מיט א שטילען פלאַם. זיין גאַנצער
גוף איז געווען אנגעצויגען און שטייף, ווי
א סטרונע. און זיין בלוט האט זיך אין
אים פאַנאַנדערגעשפּילט, ווי אן איידע־
לע האַרפּע, וועלכע הויבט אן שפּילען פון
א קליינעם ווינטעל אין דער נאַכט.

ער געהט אום אליין איבער די לבנה־
ליכט באַגאַסענע גאַסען, דורך דער ווייַ־
טער נאַכט. די הייזער אויף ביידע זייטן
גאַס זיינען שטיל פאַרשלאָפענע און
טונקעל. פון די ווייטלאַכע קוואַל־וואַ־
סערען ביי די באָוועל־זאַוואָדען דער־
טראָגט זיך א זשורטשען, אַזוי דייטליך און
קלאָהר, דורך דער ווייסער שטילקייט, ווי
א שטיל געזאַנג. ערע פילט זיך, ווי ער
וואָלט ארומגעגאַנגען אין אן אויסגע־
חלום'טער שטאָדט.

וואס איז דאָס ליכט, וואס איז איהם
דורך דער נאַכט אויפגעגאַנגען? ער פילט
זיך פול מיט וואונדער. און א טרייסט,
א ליכטיגע פלייצט אין אים אריין. און
ווייל עס איז שטיל ארום, און קיינער
הערט אים נישט, האט ער אנגעהויבען צו
רעדען הויך אויף א קול אין דער ליכטי־
גער לופט פון דער דריטער אשמורה
אריין.

— האַ־האַ, מיין ליכט, האט ערע
אויסגעשטראַלט מיט די אויגען. דאָס איז
דאָס ליכט, וואס איך האב געזוכט
מיינע גאַנצע טעג. איך האב דיך איצט
געפונען מיין ליכטיגע איינזאַמקייט,
און דו וועסט מיר אויסהיילען.

— מיינע גאַנצע יאָהרען, דו שטיל־
פרעמדע נאַכט, מיינע גאַנצע יאָהרען.
יונג'שלט ווי איך בין, האב איך דאָך גע־
זוכט א פּלאַץ, וואו איך זאָל מיך קאָנען
פילען אין דער היים, און איצט זעה איך,
אז איך קען מיך פילען אין דער היים
בלויז אין דער פרעמד.

— ווייל עס איז דאָך בעסער זיך צו
פילען פרעמד צווישען פרעמדע, איידער
פרעמד צווישען איינענע. צו פילען זיך
פרעמד צווישען פרעמדע איז נאַטירליך,
געזונט און האט אין זיך שוין עטוואס
פון היימישקייט. מענשען מיט א היים
פיהלען זיך פאַרפרעמדט אין דער פרעמד.
און איך בוי מיר אויס מיינע איינענע
אידישע וועלטען, וועלכע די פרעמדע קע־
נען ניט צושטערען, ווייל עס קעהרט זיך
מיט זיי ניט אָן. אבער צו זיין פרעמד
צווישען איינענע — ווי קאַלט עס איז
און ווי אויפשוידערענדיג, און ווי עס
האט מיך געמוטשעט מיין גאַנץ לעבען.—

און ערע האט אונטערגעשפּרונגען אי־
בער די גאַסען פון פרייד.

אלעמאָל האט ערע זיך געפיהלט
פרעמד צווישען אידען, ווייל געזעהן האט
ער, ווי זיי געהען ניט אין די יעניגע ווע־
גען, אין וועלכע זיי זאָלען געהן, ווי עס
זיינען זיי פרעמד זיינע חלומות, ווי אומ־
אידיש זיי לעבען. זיי זיינען איינגאַנצען
דערווייטערט פונ'ם אלט־אידישען לעבען,
וועלכען ער האט אַפּגעהיט אין זיך. שווער
איז איהם געווען צו זעהן, ווי אלץ ארום
איהם געהט אונטער, און איינג איז איהם
געווען צווישען זיי. דורך זיין בלויזער
באַריהרונג מיט זייער אמת'ען לעבען
איצט פּלעגען אלע זיינע חלומות צורונען
ווערען.

אבער ווי נאָר ער קומט צווישען גוים,
צווישען פרעמדע, ווערט איהם ברייט
און פריי, ווען אפילו איינזאַם. עס איז
ניטאָ ארום איהם דאָס אידישע לעבען,
וואס זאָל איהם איבער דער נשמה מיט
זיין מיאוס'ער ווירקליכקייט שמייסען,
און איהם די אויגען אלעמאָל מיט דעם
אונטערגאַנג שטעכען, און פאַראורזאַכען
א גייסטיגע אַפּגעלאָזענקייט ביי איהם, א
פאַרצווייפעלטער פאַרלייגען די הענט און
נאָר נישט טהאָן. דאָ, לכל הפחות, קאָן
ער זיך זיין איינען וועלט אין ריינער אָפּ־
געזונדערטקייט און אין אלט־אידישער
פּרישות אַפּלעבען און אויס'חלום'ען וואס
עס איז ניטאָ.

און די ליכטיגקייט אין דער הויך
האט זיך געשטאַרקט און געשעפּערירט.
ער איז געגאַנגען ווייטער אין דער נאַכט
אריין. קיין לעבעדיגע באַשעפעניש האט
זיך איהם אין וועג ניט באַוויזען. קיין
הונט. אלע איינוואוינער זיינען געשלאָ־
פען און ניט געוואוסט האָבען זיי, אז א
איד איז אין שטאָדט געקומען, און זיינען
געווען רוהיג.

און ערע'ן זיינען דורכגעגאַנגען
דורכ'ן מח שטילע זכרונות וועגען ווייט־
לאַך פאַרגאַנגענע וואונדער־יאָהרען. איהם
זיינען אויפגעשוואוממען אין דער נאַכט
יאָהרען פאַרבראַכטע אין אהייא, אין
אינ־יאַנא און אילינאָי, אין שטעט אין
דער וועסט און אין דער איסט. אין אידי־
שע ההלות, וועלכע האָבען איהם צוברא־
כען און באַרויבט, און מענשען, פון וועל־
כען ער איז אנטלאָפען; און די רוה וועל־
כע איז איהם פון דאַמאָלט אָן פאַר־
שוואונדען, א ליכטיגע פרייד איז איהם
איצט אויפגעגאַנגען און בענטשען האט
ער אנגעהויבען אין דער פרעמדער נאַכט
די ליכטיגע איינזאַמקייט, וואס ער האט
אומדערוואַרטעט אויף זיין אומבאַשטימ־
טען וועג געטראָפען. אפשר וועט ער דאָ
זיין רוה געפינען. בלויע, פרעמדע נאַכט,
איך וויל פון דיר רוה...

— יאָ, ארום איז דאָך איצטער קיינער
ניט געווען, און ערע האט אנגעהויבען
שפּרינגען און טאַנצען אין דע נאַכט פון
גרויס פרייד. ער איז אנידערגעפאַלען
איבער א קליינעם סלופּיק ביים וועג
וועלכען ער האט אין דער ליכטיגער
נאַכט ניט באַמערקט, און א הילכיגער
פּאַטש האט זיך דערהערט אין דער
שטילקייט. נאָר אויגענבליקליך האט ער
זיך א הויב געטאָן און אויסגעשאָסען מיט
א געלעכטער. די הויט איבער די קני און
איבער די קנעכלאַך האט זיך אַפּגעריבען
און איהם געשמאַרצט, האט ער שוין דעם
ווייטערדיגען וועג אונטערגעהונקען מיט
א שטיל־געזאַנג.

די ליכטיגע ווייסקייט, וואס האט
געשטראָמט פון דער הויך, האט די בלוי־
קייט פון דער נאַכט דינער און בלייכער
געמאַכט. עס האט אנגעהויבען צו ווערען
טאָג. קיהלע ווינטלאַך האָבען אנגעהויבען
צו פעכערען די פאַרשלאָפענע רויטע
דעמבעס און מייפּעל־בוימער אויפ'ן וועג.
דאָס ביינאַכטיגע קוואַקען פון די דזשאַ־
בעס, וואס האט ווי א שטילער קלאַנגען
זיך געכוואַליעט דורך דער גאַנצער לענג
פון דער נאַכט, איז אוועקגעשטאָרבען אין
די זומפּען אריין. פויגלען האָבען אנגע־
הויבען אויסצווינגען. קליינע שוועלבלאַך
מיט פייערדיג־רויטע בייכלאַך און בלויע,
שפּיציג פאַרשנאַבעלטע מיילכעלאַך האָ־
בען זיך דורך דער בלויער לופט אנגע־
הויבען דורכצושניידען.

ערע האט דערווייל פאַרבלאָרושעט
גאַנץ ווייט, אין אן אומבאַקאַנטער ריי־
כער געגענד. ער לייענט איבער דעם נאָ־
מען פון דער גאַס: „מאַנטע סאַנאַ עוועַ־
ניו". דער נאָמען ציט איהם און ער
דיינקט, אז אויף א גאַס מיט אַזאַ נאָמען
דאַרף מען עפּעס טרעפען. ער לאָזט זיך
געהן איבער איהרע פריהמאָרגענדיגע באַ־
טויטע טראָטואַרען. עס הויבען שוין
דערווייל אָן צו לויערען אין דעם פריה־
מאָרגען ווייס־געפּאַרבטע הייזער און
מאַרמאָרנע סאַלאָנאַרען פון די גרינס־
פאַרטונקעלטע ווערענדעס.

אז ער געהט פאַרביי א גאַניק פון א
הויז מיט שמאָלע פענסטער, וואס פאַר־
קיילעכיגען זיך אין דער הויך, און מיט
טורעמלאַך, וואס באַווינקלען איהם אויף
אלע פיער זייטען, ווי אן אלט־גאָטיש
הויז, זעהט ער, ווי עס זיצען דאָרט אויף
דער ווערענדע צוויי פרויען. אן עלטערע
און אן איינגערע. די עלטערע, ווי ס'האט
געשיינט, האט פאַרבראַכט א שלאָפלאָזע
נאַכט, און פרישט זיך איצט אין דער
פרימאָרגען לופט, איינגעוויקעלט אין א
פּלעד, זיי ריידען עפּעס אין דער שטיל.

ערע איז לייכט אנגעטאָן, אהן א
היטעל און אהן א רעקעל, מיט א פאַנאַנ־
דער־געשפּילעטען קאַלנער. אז ער געהט
פאַרביי הערט ער, ווי די יונגע פרוי זאָגט
ארויס מיט א שטיל־דערשראָקענעם
קול:

— „דהי יאַנג מען מאַסט בי איי
סאָן־נעמבוליסט".

ערע האט שטיל פאַר זיך געלאַכט.

אין יעדען ווינקעל

פון אברהם רייזען.

אין יעדען ווינקעל פון דער ערד
וואו ס'לויכט די זון,
וואו ס'וועהט דער ווינד —
געפינט זיך אומעטום
פון אונזער פאָלק א קינד
וואס ווייס קיין רוה, —

און וואו ער קומט
ער הערט זיך צו
צום ווינד, וואס ברומט
פאַרביי דער טיר פון זיין געצעלט;
ער זוכט א וועג
צו נייע טעג,
דורך ים, און נאַכט, און ווינד...

אין יעדען ווינקעל פון דער ערד,
וואו ימים רינגען זיי ארום,
וואו ס'לויכט די זון, וואו ס'וועהט די קעלט, —
געפינט זיך אומעטום
פון אונזער פאָלק א קינד,
וואס ליידט און בעט
פאַר ווייטע ענדער,
פאַר ווייטע שטעדט,
פאַר גאָר דער וועלט.

פּרעזענטירען זייער שאַפּ־טשערמאַן.

מיר, די ארבייטער פון גאָלדספּינער
און דעסאַל, 33 וועסט 17טע סטריט,
פאַרזאַמעלט ביי א שאַפּ מיטינג האָבען
נאָך דעם ווי עס איז קלאָהר געוואָרען,
אז בר. סעם טשאַרני האט מער ניט גע־
וואָלט אנעהמען אלס טשערמאַן פאַר אונ־
זער שאַפּ, באַדויערט דעם פאַקט.
זייענדיג אבער באַוואוסט, אז ער
האט אונערמידליך געדינט די אינטערע־
סען פון די ארבייטער פון אונזער שאַפּ,
באַשליסען מיר אויסצודריקען אונזער
הערצליכען דאַנק און אנערקענונג פאַר
זיין אונשעצבאַרע ארבייט, און אלס
אויסדרוק פון אונזער אנערקענונג פּרע־
זענטירען מיר איהם מיט א שעהנעם סיל־
ווער סעט.
זאָל דאָס זיין פאַר איהם אן אנדענ־
קונג פון אונזער צוטרויען און איין ער־
מוטיגונג פאַר ווייטערע דינסט פאַר די
ארבייטער פון אונזער שאַפּ בפרט און די
קלאָוק מאַכער יוניאָן בכלל.

סעם פלאַנסקי,
י. פישמאַן.
י. סטירזאָן.
י. בעלצער, טשערמאַן.

ווען ספּעקטעטאָרען וואָלטען געוואוסט –

אז אלע אידישע ארבייטער אָרגאַני־
זאַציעס וועלכע זיינען אנגעשלאָסען אן
דער אמעריקאַן פעדערייישאַן אָוו לייבאָר,
אָדער אן די פאַראייניגטע אידישע גע־
ווערקשאַפטען וואָלטען ניט פאַרלייענען
קיין בריף, צושריפט אָדער אפילו סיי־
דען עס האט אויף זיך דעם יוניאָן לייבעל
פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן;
אז צו דרוק ארבייט אהן א יוניאָן
לייבעל באַציהט מען זיך ווי צו אלע אנ־
דערע „נאָן יוניאָן" פּראָדוקטען;
אז אויב איהר שיקט ארויס קאָמי־
טעט איבערען שטאָדט צו זאַמלען געלט,
מוזען צוערשט אייער דרוק ארבייט זיין
מיט'ן יוניאָן לייבעל, אויב ניט וועלען
ארבייטער ניט ביישטייערען;
אז אויב איהר ווענדעט זיך צו דער
ארבייטערשאַפט נאָך הילף, מוזט איהר
צוערשט באַווייזען, אז איהר פּאַטראָני־
זירט „יוניאָן מייד" פּראָדוקטען —
דאָן וואָלטען אלע געמאַכט זייערע
דרוק־ארבייט אין יוניאָן שעפּער, און פאַר
זייערע גוטע געלט וואָלטען זיי געקראָגען
שעהנע און גוטע דרוק־ארבייט.

היברו אמעריקען טיפּ. יוניאָן, ל. 83.

אין דער ריינקאוט מאכער יוניאן לאָק. 20

דער עלעקשאן יאריד איז פאראיבער אין אונזער לאקאל. די שטימע פון „פאלק" איז נעהערט געוואָרען און די יעניגע וואס האבען דערצערענט דעם ווילען פון פאלק זיינען דורכגעפאלען און א נייע אדמיניסטראציע איז ערוועהלט געוואָרען צו פארוואלטען די געשעפטען פון אונזער לאקאל פאר דעם יאהר 1924.

אויף די פאלגענדע פערזאָנען איז אויסגעפאלען דער גורל צו מענעדזשען און אכטונג געבען אויף די געשעפטען פון אונזער לאקאל. אלס מענעדזשער איז ערוועהלט געוואָרען בר. מאיר פאלינסקי; אלס סעקרעטער-טרעזשורער איז ערוועהלט געוואָרען בר. א. ווייננארט און אלס לאקאל טשערמאן איז ערוועהלט געוואָרען בר. כאראף. וויס-טשערמאן בר. רובינשטיין, און פאר דער עקז. באארד זיינען ערוועהלט געוואָרען די ברידער ל. זאליטאראף, סאל בערקאוויטש, מא ליווי, גאבריעל לעווייט, סאל. אימערמאן, בעני ווייסעלבערג, הואים זימערמאן, נ. פרידמאן, דזשא. קעסלער, איזראעל קליין, נ. אייבראמס, היימאן פיקוב און מאקס קאבראן.

דער אינסטאלליישאן מיטינג פון אונזער נייער עקז. באארד און אפיסערס איז אפגעהאלטען געוואָרען לעצטען שבת דעם 9טען פעברואר אין דעם אוידאטאריום פון אונזער אינטערנעשאנאל בילדינג, וואו די אלטע עקז. באארד האט פארענדיגט די אלטע געשעפטען און די נייע האט איבערגענומען די פארוואלטונג פון דער יוניאן.

ביים אינסטאלליישאן מיטינג האבען מיר אויך געהאט איינינע אנגעזעהענע געסט. עס איז געווען מיט אונז בר. ישראל פיינבערג, דער מענעדזשער פון דער קלאוק און דרעס מאכער יוניאן. גענאסע יאנאווסקי דער רעדאקטאר פון אונזער אינטערנעשאנאל ארגאן „די גערעכטיגקייט" און דזש. האלפערן, דער מענעדזשער פון דעם איסטערן ארגאניזאציאנס דעפארטמענט פון אונזער אינט.

בר. פיינבערג, אינסטאלירענדיג די נייע אדמיניסטראציע, האט געהאלטען א הארציגע ווארימע רעדע, אבשטעלענדיג זיך א ביסעל צייט אויף דער געשיכטע פון לאקאל 20 וועלכע איז איהם זעהר גוט באקאנט צוליב זיין נאהענטע פארבינדונג מיט אונזער לאקאל מיט יאהרען צוריק. אומקערענדיג זיך צו דער לעצטער פאסירונג אין לאקאל, די „וועקסלער" אפערע, האט ער ערקלערט, אז די יוניאן דארף זיך פיהלען גליקליך און צופרידען דאס זי איז פטור געוואָרען פון דעם געוועזענעם מענעדזשער, וועלכער האט ווירקליך געשטעלט אין געפאהר די גאנצע ארגאניזאציאן און האט זיכער ניט פארדינט דעם כבוד וואס איז איהם געגעבען געוואָרען צו זיין דער מענעדזשער פון אונזער לאקאל. בר. פיינבערג באדויערט זעהר ווארום די מעמבערשיפ פון לאקאל 20 האט ניט געוואוסט ווי געהעריג איז אפצושאצען די גוטע און ערליכע ארבייט פון דעם געוועזענעם סעקרעטער. ער דריקט אבער אויס די האפנונג אז די נייע אדמיניסטראציע וועט זיכער טאן דאס בעסטע פאר די אינטערעסען פון דער יוניאן און ער האפט, אז מיט דער קאאפעריישאן פון דער מעמבערשיפ וועט די נייע באאמטע געלינגען צו טהאן די ארבייט אויף דעם ריכטיגען וועג, פארזיכערענדיג אונז יעדע מעגליכע הילפע פאר אונזער לאקאל פון דער גרויסער קלאוקמאכער יוניאן פון אונזער אינטערנעשאנאל ווי עס איז געטאן געוואָרען אין דער פארגאנגענהייט.

דער טשערמאן פון מיטינג, בר. גינגאלד, שטעלט דאן פאר גענ. יאנאָווסקי, דער רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט".

גענ. יאנאָווסקי רעדט מיט פארדרוס און טיפען וועהטאג, דריקט אויס זיין טיפען באדויערונג ווארום די אלטע עקז. באארד האט ניט געהאט די נויטיגע מוט צו נעהמען אן ענטשלאסענעם שטעלונג אין דער „וועקסלער אפערע", וועלכע האט שיער רואינירט די גאנצע יוניאן; ער באדויערט ווארום די מעמבערשיפ האט אזוי בלינד נאכגעפאלגט א מאן, וועלכער האט גענארט און געבלאפט די יוניאן. צווישען אנדערעס זאגט ער, „איך בין ניט געקומען צו אייך גראטולירען די נייע ערוועהלטע באאמטע און אויך ווינשען גליק. ניין, איך בין געקומען זאגען א זיי געזונד צו איין מאן וועלכער האט געהאט גענוג מוטה צו נעהמען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט און ארונטערדריקען די מאסקע פון איינעם וואס האט ניט פארדינט צו זיין אייער לידער, אייער פיהרער. איך בין געקומען זאגען א זיי געזונד צו אייער געוועזענעם סעקרעטער בר. פרידמאן, וועלכער האט געראטעוועט אייער יוניאן פון א נעץ פון פאליטיקטען, וואס איז באזאנגען געוואָרען פון אייער געוועזענעם מענעדזשער. עס טוט מיר ווירקליך לייד וואס בר. פרידמאן זאל דארפען ליידען צוליב טרייהייט צו דער יוניאן".

גענ. יאנאווסקי דריקט אויך אויס די האפנונג, אז דער לאקאל וועט ווייטער אזעלכע מיסטייקס ניט מאכען און פארזיכערענדיג אלע מעגליכע הילפע דעם לאקאל דאנקט ער אז אזעלכעס וועט זיך מעהר ניט ווידערהאָלען אין דער צוקונפט.

דער לעצטער רעדנער איז געווען בר. דזש. האלפערן, דער מענעדזשער פון דעם איסטערן ארגאניזאציאנס דעפארטמענט. ער האט שטארק באדויערט ווארום דער לאקאל אונטער דעם אלטען מענעדזשער האט זיך קיינמאל ניט געווענדעט צו זיין דעפארטמענט פאר הילפע אין באצוג ארגאניזיישאן ארבייט איבער ניו-יארק. ער פארזיכערט די מעמבערס, אז זיין דעפארטמענט איז גרייט צו שטעהן אין דינסט יעדען לאקאל יוניאן פון אונזער אינטערנעשאנאל וועלכע ווענדעט זיך נאך הילפע און דריקט אויס די האפנונג, אז אונזער לאקאל וועט אין דער צוקונפט ניט פראקטיצירען די פאליסי פון דער פארגאנגענהייט און דער ארגאניזיישאן דעפארטמענט וועט זיכער טאן אלעס צו העלפען אונזער לאקאל ווען אזא הילף וועט פארלאנגט ווערען.

נאכדעם ווי די נייע ערוועהלטע עקז. באארד האט ערוועהלט בר. ישראל קליין אלס רעקארדינג סעקרעטער, און אלע סטענדינג קאמיטעס פאר'ן לאקאל האט די אלטע און נייע עקז. באארד מיט א צאהל איינגעלאדענע מעמבערס און געסט זיך משמח געווען ביי א שעהנעם סאפער צוגעגרייט אין דעם „אריסטאקראט רעסטאראנט".

בר. גינגאלד, דער געוועזענער טשערמאן פון לאקאל, קומט ווירקליך א יישר כח פאר זיין דער טאוסט-מאסטער פון אבענד.

ער האט אונז איבערצייגט, אז אויסער דעם וואס ער איז אן אויסגעצייכענטער טשערמאן איז ער אן אמת-גוטער טאוסט-מאסטער, א שאד כ'לעבען וואס ער איז ניט אין דער נייער אדמיניסטראציע פון לאקאל.

יעצט א פאר ווערטער און א זיי געזונד צו די מעמבערס פון לאקאל 20.

איך בין ווירקליך שולדיג א גרויסען דאנק צו דער מעמבערשיפ פון אונזער לאקאל פאר דעם געלעגענהייט וואס זיי האבען מיר געגעבען צו זיין זייער סעקרעטער און פאר דעם צוטרויען וואס זיי האבען מיר געשאנקען פאר די לעצטע 5 יאהר צייט צו זיין דער פינאנציעל סעקרעטער און ביזנעס אגענט פון דער יוניאן. איך האב פאר די 5 יאהר צייט אלס באַצאהלטער באאמטער און פאר די 5 יאהר בעפאר אלס רעקארדינג סעקרעטער פון לאקאל זעהר פיל געלערענט אויף יעדען געביט פון דער באוועגונג. פאר מיר, וואס האב ניט דורכגעמאכט קיין אוניווערזיטעט בילדונג איז דאס געווען דער איינציגער קאלעדזש וואו איך האב זיך באקענט מיט דער יוניאן באוועגונג. פאר מיר איז דאס ווירקליך געווען א גרויסער קוואל פון באגייסטערונג און מוטה, דער צוטרויען וואס מיר איז געגעבען געוואָרען צו זיין אייער פארטרעטער.

איך האב מיינע פליכטען, אלס פינאנץ סעקרעטער צו נעהמען אויפזיכט אויף די פאנדס פון דער יוניאן, עהרליך און אויפריכטיג דורכגעפירט. איך האב אויך אין דער זעלבער צייט געטאן מיינע פליכטען אלס ביזנעס איידזשענט פאר דער יוניאן, באזוכענדיג, קאנטראלירענדיג און אטענדענדיג צו די פארשידענע קאמפליינטס אין די שעפער און דער ארגאניזאציאנס ארבייט, וועלכע אונזער לאקאל האט שטענדיג אנגעפירט. איך האב געטאן דאס בעסטע וואס איך האב געקאנט פאר די אינטערעסען פון דעם איינצעלנעם און אויך פאר דער יוניאן בכלל.

איך האב געטרייעט פאר די 5 יאהר צייט וואס איך בין געווען אין אמט צו געבען דאס בעסטע וואס איז געווען אין זמיר, פאר דעם וואוילזיין פון די מעמבערס און פאר'ן לאקאל אין אלגעמיין.

ארויסגעהענדיג פון לאקאל אלס פאראנטווארטליכער באאמטער, פארלאז איך ניט די יוניאן. איך בין גרייט צו לייסטען און דינען דעם לאקאל צו יעדער צייט ווען דער לאקאל וועט דאס נאר פארלאנגען. איך בין גרייט צו געבען צו דער יוניאן דאס וואס איך האב פון דער יוניאן געלערנט פאר די יאהרען וואס איך בין מיט דער יוניאן געווען פארבונדען.

ארויסגעהענדיג פון דער יוניאן אלס באצאהלטער באאמטער גיב איך איבער די ארבייט צו דער נייער אדמיניסטראציע אין בעסטען ארדנונג. די שעפער זיינען אונטער א פולשטענדיגער קאנטראל און יוניאן דיסציפלין. די טרעזשורי פון דער יוניאן וואס באַטרעפט איבער 20 טויזענד דאלאר איז איבערגעגעבען געוואָרען צו די נייע אדמיניסטראציע.

איך ווינש דער נייער אדמיניסטראציע ערפאלג אין אלע איהרע אונטערנעמונגען פאר דעם וואוילזיין פון אלע אונזערע מעמבערס און איך פארהאפ אז די נייע אדמיניסטראציע וועט ערפילען איהר ארבייט צופרידענשטעלענד פאר אלעמען.

ס. פרידמאן,
געוועזענער סעק. לאקאל 20

זאכען וואס איז גוט צו וויסען

קינדער-ארבייט אין די פאראייניגטע שטאטען.

אנהויב היינטיגען הערבסט האבען זיך אין די פאראייניגטע שטאטען גערעכענט איבער א מיליאן קינדער צווישען 10 און 16 יאהר אלט, וואס האבען געארבייט. ארום 400,000 קינדער זיינען געווען צווישען 10 און 14 יאהר אלט. פאר קינדער אונטער 10 יאהר האט ניט דער צענזוס קיין באריכט.

די קינדער זיינען באשעפטיגט אין מילען, פאבריקען, מינען און טענעמענטס, אויף פארמס, אין קאמערץ און אלס דינער פאר דערוואקסענע מענשען. דורך דעם, וואס זיי מוזען ארבייטען, ווערען די קינדער באראובט פון זייער נאטירליכען רעכט אויף בילדונג און אויף פרייע צייט. און קינדער-ארבייט איז נים קיין ערשיינונג פון איין באזונדערען טייל פון די פאראייניגטע שטאאטען.

לויט דעם צענזוס פון די 1920 איז די פראפארציע פון דער גאנצער קינדער-באפעלקערונג צווישען 10 און 16 יאהר, וואס זיינען „באשעפטיגט ביי פראפיטאבלע ארבייטען", 3 פראצענט אין די שטאאטען פון דעם פאסיפישען ים-ברעג און 17 פראצענט אין די שטאאטען פון מזרח-דרום-צענטראל, וואס נעהמט אריין די שטאאטען קענטאקי, טענעסי און מיסיסיפי. אין מיסיסיפי האבען א פערטעל פון אלע קינדער צווישען 10 און 16 יאהר געארבייט; אין אלאבאמא און סאוטה קאראליינא — 24 פראצענט; אין דזשארדזשיא — 21 פראצענט; און אין ארקענסא — 19 פראצענט. פון די ניי-ענגלענדער שטאאטען האט ראוד איילאנד געהאט די גרעסטע פראפארציע ארבייטענדע קינדער צווישען 10 און 16 יאהר, 13 פראצענט. חוץ דער סאוטה, האט קיין אנדער שטאאט ניט אזא גרויסען פראצענט ארבייטענדע קינדער.

אין 1916 האט קאנגרעס אנערקענט דעם פאקט פאר א נאציאנאלען פראבלעם — נאציאנאל אין דער גרויס, אין די ווירקונגען און אין באדייטונג. דאס ערשטע פעדעראלע געזעץ וועגען קינדער-ארבייט, וואס האט געזוכט צו פארשליסען די וועגען פון צווישען-שטאאטען-קאמערץ פאר די פראדוקטען פון קינדער-ארבייט, איז אין 1918 ערקלעהרט געוואָרען אומקאנסטיטוציאנעל. קאנגרעס האט דעמאלס געפרואווט אויסנוצען זיין רעכט צו באשטייערען, כדי צו באשיצען די קינדער. אבער דאס האט דאס געריכט אויך געפונען פאר אומקאנסטיטוציאנעל.

מיר האבען דעריבער צוויי אלטערנאטיווען: מיר זאלען אויפגעבען דעם געדאנק פון א מינימום סטאנדארד; אדער מיר וועלען דורך א קאנסטיטוציאנעלען אמענדמענט געבען קאנגרעס די מאכט צו רעגולירען אדער צו פארבאטען די באשעפטיגונג פון פערזאנען אונטער 18 יאהר און גלייכצייטיג אנהאלטען פאר די שטאאטען דאס רעכט צו העכערען, אבער נים מאכען נידעריגער, דעם סטאנדארד, וואס קאנגרעס קען איינשטעלען פון צייט צו צייט.

א סך מענשען האבען געגלויבט, אז ווען מען וועט אפשאפען דאס פעדעראלע געזעץ, וועלען די באזונדערע שטאאטען גלייך זיך נעהמען באשיצען די קינדער, וועניגסטענס אויף ווי ווייט עס איז געגאנגען דאס פעדעראלע געזעץ. פון זינט עס איז אין מאי 1922 ערקלעהרט געוואָרען אומקאנסטיטוציאנעל דאס קינדער-ארבייט שטייער-געזעץ, האבען די לעדזשיסלייטשורס אין 44 שטאאטען אפגעהאלטען סעסיעס. אין 32 פון זיי איז דאס געזעץ צו באשיצען קינדער געווען, אין איין פרט אדער אן אנדערען, אונטער דעם סטאנדארד, וואס דאס פעדעראלע קינדער שוץ געזעץ האט איינגעשטעלט.

אויף ווי ווייט די קינדער-ביורא האט געקענט אויסגעפינען דורך קארעספאנדירען מיט די באזונדערע שטאאטען, זיינען נאר אין אכט פון זיי — דעלעווער, מיין, מישיגען, מיזורי, נארט דאקאטא, ראוד איילאנד, סאוטה דאקאטא און וויאמינג — געווען אויסבעסערונגען אין דעם קינדער-געזעץ וועגען די יאהרען און די ארבייטס-שטונדען.

אין קיין איינעם פון זיי זיינען די סטאנדארדס פון שטאאט ניט געקומען צו די סטאנדארדס פון דעם פעדעראלען געזעץ.

ראוד איילאנד האט אונטערנומען א וויכטיגען שריט פאראויס היי-יאהר, ווען זי האט אויפגעהויבען דעם מינימום עלטער ביז צו 15 יאהר פאר ארבייט אין פארלויף פון שול-שטונדען, אבער דאס נייע געזעץ דארף ניט אריינגעהן אין קראפט ביז סעפטעמבער 1924, און אפילו דעמאלט וועט נאך אלץ ראוד איילאנד ערלויבען זעהר לאנגע ארבייטס-שטונדען פאר יונגע קינדער.

מען האט היי-יאהר רעדוצירט די טעגליכע ארבייטס-שטונדען פאר קינדער פון 9 ביז אויף 8 שעה. דעלעווער האט רעדוצירט די געזעצליכע ארבייטס-שטונדען פאר קינדער אונטער 16 יאהר פון 10 ביז צו 8 שעה. עס איז נאך אבער אלץ ערלויבט צו באשעפטיגען קינדער אונטער 14 יאהר אין קענערים און, אונטער געוויסע באדינגונגען, אויך ביי אנדערע ארבייטען.

אפילו אין אט די אכט שטאאטען זיינען די אויסנאהמען ניט קאמפליט, און אין איינעם פון זיי, אין מישיגען, איז אויפגעהויבען געוואָרען איין סטאנדארד, בעת אן אנדערער איז גלייכצייטיג אראפגעדריקט געוואָרען. אין גאנצע 24 שטאאטען זיינען די סטאנדארדס אונטער די פעדעראלע, און פון זינט מאי 1922 זיינען זייערע לעדזשיסלייטשורס געווען אפען, און דאך איז קיין פארטשריט נים געמאכט געוואָרען וועגען קינדער-שוץ. נארטה קאראליינא, סאוטה קאראליינא און דזשארדזשיא, וואס אנטוויקלען זיך שנעל אין וויכטיגע אינדוסטריעלע שטאאטען, זיינען צווישען די, וואס האבען היי-יאהר גארנים אויפגעטאן פאר די ארבייטענדע קינדער.

אין נארטה קאראליינא מעגען אינגלאך אנקומען אין די מילען צו 12 יאהר, און אינגלאך און מיידלאך צווישען 14 און 16 יאהר מעגען זיין באשעפטיגט 11 שעה א טאג. באמת זיינען זיי נאר באשעפטיגט אין משך פון 6 טעג צווישען 10 און 11 שעה א טאג, מיט א האלבען טאג שבת. אין סאוטה קאראליינא מעגען קינדער צווישען 14 און 16 יאהר ארבייטען 10 שעה א טאג און 55 שעה א וואך. אין דזשארדזשיא מעגען קינדער געהן צו דער ארבייט אויף די פאבריקען צו 12 יאהר, אויב זיי זיינען יתומים, אדער זיי האבען מוטערס אלמנות, וועמען זיי מוזען אויפהאלטען, און זיי מעגען ארבייטען 60 שעה א וואך און וויפיל עס מאכט זיך יעדען טאג. נאכדעם ווי זיי ווערען 12 א האלב יאהר אלט, מעגען זיי, לויט דעם געזעץ, ארבייטען א גאנצע נאכט.

אין פארלויף פון אינספעקציעס, וואס זיינען לעצטענס געמאכט געוואָרען אין 39 מילען אין דזשארדזשיא, האט מען געפונען 149 פארלעצונגען פון אפילו אט די נידריגע סטאנדארדס און 560 פארברעכען געגען די סטאנדארדס פון די פעדעראלע קינדער-ארבייט געזעצען.

איינינע האבען מורא, אז דאס אננעהמען א פעדעראלען מינימום וועט שעדיגען דער איניציאטיוו און דעם געפיהל פון לאקאלע פאראנטווארטליכקייט אין יעדען שטאאט. מיר וואלטען אט די מענשען דערמאנט, אז א גרויסער טייל פון דער ציוויליזירטער וועלט האט אנגענומען נים נאר א נאציאנאלען סטאנדארד, נאר אן אינטערנאציאנאלען וועגען דער באשעפטיגונג פון קינדער. די וויכטיגסטע פעלקער פון אייראפא האבען זיך באטייליגט אין די קינדער-ארבייט רעגלען, וואס זיינען אויסגעארבייט געוואָרען אויף דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער-קאנפערענץ אין וואשינגטאן אין 1919. און זיי פאלט נאר נים איין, אז אננעהמענדיג אן אינטערנאציאנאלען סטאנדארד, האבען זיי מיט דעם שוין פארלארען זייער אונאפהענגיגקייט. פארקעהרט, זיי פיהלען מיט רעכט, אז זייער אומאפהענגיגקייט ווערט פארהיט דורך דעם, וואס בעסערע געלעגענהייטען ווערען געגעבען זייערע אייגענע קינדער און די קינדער פון זייערע שכנים.

([illegible])

ווערט זי איהם געגעבען ווערען מיט דער גרעסטער ברייטוויליגקייט.

*

נאך א ווארט: צוהערענדיג זיך צו די רעדען פון ברודער גיגנאלד און פילע אנדערע רעדנער אויף דעם באנקעט, זיינען מיר געוועזען באמת איבערראשט פון דער ארויסגעוויזענער אינטעליגענץ. עס איז געוועזען פשוט א פארגעניגען צו הערען אונזערע יוניאן־מעמבער'ס האלטען אזעלכע רעדען. אין דער הינזיכט האבען זיך אויסגעצייכענט די אלטע באאמטע, ווי די נייע און אויך גאנץ איינפאכע, רענק־ענד־פייל מיטגלידער. מיט אזא מיטגלידערשאפט און אין אזא לאקאל, וועלכער איז פארהעלטניסמעסיג א קליינער לאקאל, וואו פאר די מיטגלידער איז אזוי לייכט זיך צוזאמענצורייד־ען און זיך צו פארשטענדיגען, קען לאקאל 20, אונטער א פעהיגער און עהרליכער פיהרערשאפט, ווערען ווירקליך איינער פון אונזערע מוסטער־לאקאלס, און מיט'ן גאנצען הארצען ווינשען מיר און האפען, אז ער וועט עס אויך ווערען, און אויף אזא אופן אין גאנצען פארהיילען די העסליכע וואונדען פון דעם לעצט־יאהריגען רעזשים.

דער באזאר פון דער פיפעלס רעליף־„ארט" פון אמעריקא.

די גרויסע און וויכטיגע אויפטואונגען פון דער „פיפעלס רעליף" אין משך פון די מלחמה־יאהרען פאר אונזערע ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים איז אלגעמיין באקאנט. אבער נאך איצט האט ער אויסצופיהרען איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאבען און דאס איז צו זעהן, ווי ווייט מעגליך, אז די אידישע קינדער אין אייראפא, וועלכע זיינען געבליבען קיילעכדיגע יתומים, אדער וועמעס עלטערען זיינען צו־ארעם, צו קענען זיי פארזארגען מיט אביסעלע וויסען, מיט אביסעלע בילדינג, מיט א בכבוד'ען פאך, זאלען עס קענען האבען. דערפאר האט דער פיפעלס רעליף זיך פאראייניגט מיט דער אלגעמיין־באקאנטער ארגאניזאציע „ארט", און ביידע טוען די גרויסע וויכטיגע ארבייט פון געבען די אידישע פאריתומ'טע קינדער א מעגליכקייט אויסצולערנען זיך א גוטע, עהרליכע מלאכה, און אויך ניט בלייבען אין גאנצען אומוויסענד.

*

עס איז א וויכטיגע אויפגאבע פילייכט די וויכטיגסטע, וואס קען אין דער איצטיגער צייט נעמען ווערען פאר אונזערע אידישע קינדער, אז זיי זאלען ניט דארפען זיין קיין „ווינד־מענשען" נאר זאלען קענען עהרליך פארדינען זייער ברויט. אבער די דאזיגע ארבייט פאדערט א סך געלד, און אמעריקא איז איצט דאס איינציגע לאנד, וואס קען העלפען אין דעם פרט. אט־די אויפגאבע האט איצט דער פיפעלס־רעליף־ארט צו ערפילען. אום צו שאפען די נויטיגע מיטלען, האט ער פאראנשטאלט א גרויסען באזאר אין גרענד סענטראל פאלאס, וועלכער עפענט זיך דעם שבת, דעם 16טען פעברואר. אויף דעם באזאר איז דא פון אל־דאס־גוטס און מען וועט דארט קענען האנדלען גרויסע מציאות. אונזער דזשוינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן האט באזארגט דעם באזאר מיט די בעסטע פרויען־מאנטלען און דרעסעס. דאס זעלבע האבען געטאן אלע אנדערע יוניאנס, ביי־טראגענדיג דאס בעסטע און שענסטע פון זייערע שאפונגען. אויך פארשידענע פירמען זיינען געווען זעהר גרויסמוטיג און האבען געשענקט פאר דעם באזאר גאר זעהר ווערטפולע זאכען, אזוי, דאס ער וועט זיין א ווירקליכער באזאר, וואו מען וועט קענען גאר פילעס איינהאנדלען. דאס, און דער וויכטיגער ציל, צוליב וואס דער באזאר איז פאראנשטאלט, דארף מאכען יעדען מענשען, מאן און פרוי, צו באזוכען דעם באזאר און זעהן מאכען, אז דער באזאר זאל זיין א גרויסער ערפאלג.

וואס הערט זיך מיט אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן באנק?

פון א געשפרעך מיט אונזער סעקרעטאר־טרעזשורער אב. באראף, פרעזידענט פון באנק.

פון ש. יאנאווסקי.

איך בין שטארק פאראינטערעסירט מיט דער ניי־געגרינדעטער באנק, ווי מיט יעדער אנדער אונטערנעהמונג פון דער אינטערנעשאנאל. איך ווייס, אז דער ערפאלג אדער דער מיסערפאלג פון דער באנק קען און מוז האבען איהר ווירקונג, צום גוטען אדער צום שלעכטען, אויף אונזער אינטערנעשאנאל בפרט און אויף אונזער גאנצער ניו יארקער ארבייטער־באוועגונג, וואס איז א שותף צו דער דאזיגער פינאנץ־אונטערנעמונג, בכלל. אחוץ דעם בין איך פערזענליך פאראינטערעסירט. איך בין א דעפאזיטאר אין באנק, און בין פעסט ענטשלאסען ביי דער ערשטער מעגליכקייט צו ווערען אויך איינער פון איהרע שער־האלדערס. און, נאטירליך, האב איך געוואלט וויסען, וואס האט די באנק אויפגעטאן אין דעם משך פון דעם ערשטען מאנאט. און צוליב דעם האב איך זיך געווענדעט צו אב. באראף, ער זאל מיר זאגען, אויב עס איז ראטזאם, וואס האט די באנק אויפגעטאן פאר דער קורצער צייט.

און אב. באראף האט ניט געהאט קיין אורזאכע עטוואס צוריקהאלטען פון מיר. פארקעהרט, ער האט גארניט גע־ווארט, ביז איך וועל איהם שטעלען געוויסע פראגען, ער האט זיי פארענטפערט נאך איידער איך האב איהם זיי געשטעלט.

— די באנק, — האט באראף אנגעהויבען — פאר דער צייט, וואס זי איז אפען, און טוט ביזנעס — קען זיך ווירקליך איבערנעהמען מיט איהר גרויסען ערפאלג. עס איז בלויז א מאנאט, ווי די באנק האט געעפענט איהרע טירען, און שוין האט זי אין איהר באזיץ א קאפיטאל פון אנדערהאלבען מיליאן דאלאר. דאס מיינט, אז א גאנצער מיליאן דאלאר איז אריינגעקומען פון די פארשיידענע דעפאזיטארס.

— ווער זיינען אונזערע מעהרסטע דעפאזיטארס? — בין איך געווען משיקאווע צו וויסען.

— פארשטעהט זיך, אז די מעהרסטע דעפאזיטארס זיינען אונזערע קלאוק מאכער, דרעס מאכער און אנדערע מעמבערס פון אונזערע לאקאלס, ווי אויך די מעמבערס פון אנדערע יוניאנס. איך זאג אייך, יאנאווסקי, אז צוליב דעם אליין האט שוין געלוינט צו עפענען די באנק. — האט באראף ווייטער גערעדט מיט באגייסטערונג. דאס איז די גרעסטע דעמאנסטראציע פון צוטרוי פון אונזער גרויסער מעמבערשיפ צו דער אינטערנעשאנאל. די 800 טויזענד דאלאר, וואס אונזערע מעמבערס האבען אנפארטרויט אונזער באנק, זיינען פאר מיר פיל מעהר, ווי דאס בלויזע געלד. ווארים דער פונדאמענט פון אונזער ארגאניזאציע איז זיכער ניט געלד. עס איז דער גרויסער צוטרוי פון דער מעמבערשיפ, וואס איז דער פונדאמענט פון אונזער אינטערנעשאנאל, און אט דער דעפאזיט פון באלד א מיליאן דאלאר פון אונזערע מעמבערס פאר בלויז איין מאנאט צייט איז דער שטארקסטער באווייז פאר דעם.

— געוויס, — האט באראף פארטגעזעצט, — איז דאס נאר אן אנפאנג. האט אין זינען, אז מיר מאכען איצט דורך די ערגסטע צייט. ניט אלע אונזערע מעמבערס זיינען איצט אין שטאנד צו ווערען דעפאזיטארס. טאמער האט אימיצער א פאר דאלאר, האלט ער זיי פאר'ן לענדלארד, פאר'ן גראסערי־מאן. עס זיינען נאר די ווייניגע, וואס האבען געקענט מאכען א דעפאזיט. ווען די צייט וועט אבער ווערען בעסער, איז גאר קיין פראגע ניט, אז דער דעפאזיט וועט זיך פארפילפאכען. ווארים, עס קען דאך גאר אנדערש ניט זיין, אז ווען איינער פון אונזערע זאל האבען עפעס געלד, אז ער זאל עס ניט אריינטראגען אין אונזער באנק. מיט דעם געלד איז ער דאך זיכער, די אטמאספערע אין דער באנק איז דאך אזא אנגענעהמע, אזא היימישע. אין דער באנק טרעפט ער אלץ אייגענע מענשען! דעם קאסירער, ברודער קאפלאוויץ, קען ער דאך שוין פון יאהרען, און יאהרען־לאנג האט ער איהם אנגעטרויט זיינע פאר דאלאר. מיליאנען זיינען דורכגעגאנגען דורך זיינע הענד, און ער ווייס, אז יעדער גראשען זיינער וועט אפגעהיט ווערען פון קאפלאוויטש'ן און פון דער באנק, ווי דער שווארץ־אפעל פון אויג. טו ווארום זאל ער געהן מיט זיין געלד אין אירגענד אן אנדער באנק?

— נו, און אחוץ אונזערע קלאוקמאכער האבען מיר גארניט קיין אנדערע דעפאזיטארס? — האב איך געפרעגט.

— אה, יע, גאר פילע קלענערע און גרעסערע ביזנעס־לייט זיינען געווארען דעפאזיטארס פון באנק. איהר פארשטעהט, מיר האבען פילע צווישען אונזערע געוועזענע קלאוקמאכער, וועלכע האבען זיך ארויפגעארבייט א שטיקעל ביזנעס; ווער א קראם, ווער א שאפ. איז, אמת, אין דער יוניאן קענען זיי מעהר ניט זיין, אבער מיט דער נשמה זיינען זיי נאך אלץ גוטע יוניאן־לייט. און די זיינען געווארען דעפאזיטארס אין אונזער באנק. ערשט די טעג האט איינער, א געוועזענער קלאוקמאכער, און איצט א סטאר־קיפער, אריינגעטראגען א דעפאזיט פון פינף טויזענד דאלאר. און אזעלכע זיינען דא פילע. איך בין זיכער, אז מיט דער צייט וועלען זיי אלע אריבערטראגען זייערע דעפאזיטס פון אנדערע בענק אין אונזער באנק. עס איז פשוט זיי אנגענעהמער. דערצו ווייסען זיי, אז אויב עס וועט אויסקומען אמאל און זיי וועלען דארפען א הלואה, קענען מיר זיי דאך, מיר קענען זיי פון די צייטען, ווען זיי זיינען נאך געווען קלאוקמאכער, און זיי דארפען פאר אונזער באארד אוו דירעקטארס ניט קיין גרויסע רעקאמענדאציעס וועגען זייער כאראקטער, ווי דאס מוז זיין דער פאל אין אנדערע בענק.

— איהר מיינט צו זאגען, אז זיי ערווארטען צו קענען קריגען פון אונזער באנק א הלואה, גיכער ווי פון אן אנדער באנק?

— וועל, געוויס. אז מיר קענען א מענשען, זיין כאראקטער, וועלען מיר געוויס איהם זעהן ווי ווייט מעגליך העלפען, אויב דאס זאל נאר אויף דאס מינדעסטע ניט שעדיגען די אינטערעסען פון דער באנק. אבער איהר דארפט וויסען, אז אין דער הינזיכט זיינען מיר גאנץ שטרענג. פאר דעם איז דא א ספעציעל אויסערוועהלטע קאמיטע, וועלכע באשטעהט פון ברעסלאו, העלער, צוקערמאן, וואלאדעק, הילקוויט און פון די באנק־באאמטע, וועלכע דארפען עס באשטימען איבער יעדען לאון. און איהר קענט זיך פארלאזען, אז זיי זיינען זעהר, זעהר פארזיכטיג. די דאזיגע קאמיטע קומט זיך צוזאמען איין מאל א מאנאט. אזוי ווי אבער ניט יעדער, וואס וויל בארגען געלד, קען ווארטען א גאנצען מאנאט, איז דא די דיסקאונט־קאמיטע, וועלכע באשטעהט פון הילקוויט, וואלאדעק און בערמאן. די קומען זיך צוזאמען צוליב דעם צוועק צוויי מאל א וואך.

— וויפיל געלד האט איהר שוין ביז איצט אויסגעבארגט צו פארשיידענע ביזנעס־לייט? — האב איך איהם געפרעגט.

— ניט פיל. אין גאנצען ארום 150 טויזענד דאלאר. אבער ניט דערפאר, ווייל עס איז ניט געווען קיין בעלנים אויף צו בארגען. אה, נאך צופיל. אבער, ווי געזאגט, מיר זיינען זעהר פארזיכטיג. מיר קוואפען זיך ניט אויף קיין גרויסע פראצענט. געוויס, פארדינען עפעס מוזען מיר. דערפאר איז עס דאך א באנק. אבער מיר פאסען אויף, אז מיר זאלען זיין זיכער מיט'ן קרן.

— נו, און וואס האט איהר געטאן מיט דאס איבעריגע געלד?

— וואס אלע באנקען טוען. מיר האבען געקויפט פארשיידענע ווערט־פאפירען. נאטירליך, אזעלכע, וואס זיינען אמת'ע „גילד־עדזש". דער פראפיט איז ניט קיין גרויסער, אבער דערפאר איז דאס געלד אזוי זיכער, ווי מיר וואלטען עס געהאלטען ביי זיך אין סייף. איך וויל אייך זאגען, אז פאר דעם האבען מיר איינעם פון די בעסטע מענשען, וואס מיר האבען געקענט קריגען. איך רייד דא פון דעם מענעדזשער פון באנק, מר. ראדריגעז. ער איז אן עקספערט אויף דעם. אחוץ דעם, איז ער מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען צו די אינטערעסען פון באנק. ביז איצט איז ער געווען בלויז א בענקער. אין אונזער אטמאספערע איז ער אבער געווארען אן אמת'ער ברודער. זיין העכסטע אמביציע איז צו מאכען אונזער באנק פאר דעם גרעסטען ערפאלג, און ער ווייס ניט פון מיד ווערען, פון לאנגע שטונדען. ער איז אימער ביי דער ארבייט.

— איז דאס דאס איינציגע, וואס די באנק טוט?

— אה, ניין. איהר ווייסט, אז א חוץ דעם טוט אונזער פאראיין־עקסטשיינדזש דעפארטמענט א גאנץ היבשע ביזנעס. פאר דער צייט האבען מיר שוין איבערגעשיקט טויזענדע דאלארס נאך רוסלאנד און נאך אנדערע לענדער אין יוראפ. א חוץ דעם פארקויפען מיר שיפס־קארטען. דער פאקט איז, אז די ביזנעס האט זיך אין דער לעצטער צייט גאנץ באדייטענד פארגרעסערט, און מיר האבען צוליב דעם געמוזט אויך פארגרעסערען אונזער סטעף.

— הייסט עס, אז אלעס איז גאר גוט?

— אבער נאך ווי גוט. מיר דאכט זיך, עס קען גאר בעסער ניט זיין. פארגעסט ניט, אז אונזערע מענשען, וואס ארבייטען דארט, זיינען ניט גלאט אנגעשטעלטע. דאס זיינען ווירקליך אלץ אייגענע. וועגען מר. ראדריגעז האב איך דאך אייך שוין געזאגט. מיט זיינע גרויסע קענטניסע, אלס בענקער, פאראייניגט ער א מוסטערהאפטע געוויסענהאפטיגקייט, א שטארקען געפיהל פון פאראנטווארטליכקייט, און די העכסטע איבערגעבענהייט, אזוי, דאס מיר באטראכטען איהם איצט, אלס איינעם פון אונזערע, אזוי ווי ער וואלט מיט אונז צוזאמענגעוואקסען. און קאפלאוויץ'ען קענט איהר דאך, און איך דארף איהם ניט זינגען שבחים פאר אייך. ער איז ווי געבארען פאר דעם קאסיר־אמט, וואס ער פארנעהמט. ווייטער, וואס אנבאטרעפט אונזער באארד אוו דירעקטארס, קענט איהר דאך זיי אלע. יע, לעצטענס איז צום באארד אוו דירעקטארס צוגעקומען נאך איינער. דאס איז נעו. באסקין, דער סעקרעטער־טרעזשורער פון ארבייטער־רינג. דאס מיינט, אז פראקטיש איז אונזער גאנצע ניו יארקער אידישע ראדיקאלע באוועגונג פארטראטען אין אונזער באנק. הייסט, טו וואס קען זיין בעסער?

— איך וויל אייך זאגען דעם אמת, אז דערווייל זיינען מיינע ראזינסטע ערווארטונגען שטארק איבערטראפען געווארען, — האט אב. באראף געענדיגט אונזער געשפרעך — פארגעסט ניט, אז דער באנק־געשעפט איז פאר אונז א גאנץ נייע זאך. האט מען געמעגט ערווארטען, אז אין אנפאנג וועט ניט אלעס געהן אזוי כשורה. און דאך, פון דעם ערשטען טאג פון דער ערעפענונג פון דער באנק ביז איצט איז אלעס אוועק אהן די מינדעסטע פארטשעפעניש. דאס געשעפט איז אין א גלענצענדען צושטאנד שוין איצט. און איך בין צופרידען אייך צו זאגען, אז מיר האבען שוין גאר קיין פעהלער ניט געמאכט, נעהמענדיג זיך צו דעם.

— זאגט מיר, אלס פרעזידענט פון באנק, פארברענגט איהר דאך א פאר שטונדען אין טאג אין באנק. שטערט עס אייך ניט אין דער ארבייט, אלס סעקרעטער־טרעזשורער פון דער אינטערנעשאנאל?

— געוויס ניט. די ארבייט פון דעם אפיס, אלס סעקרעטער־טרעזשורער — דאס איז דאך מיין ארבייט, מיין לעבענס־ארבייט. די ארבייט, אלס פרעזידענט פון באנק — דאס איז אן ארבייט פון פארגעניגען, פון ליבע. און איך געפין גענוג צייט פאר די ערפילונג פון ביידע פליכטען. ווי דער אמת איז, דאכט זיך מיר, אז ביידע אפיסעס, אי דער פון סעקרעטער־טרעזשורער, אי דער פון פרעזידענט פון באנק, זיינען אזוי געקניפט און געבונדען, אז מען קען זיי גארניט אפטיילען איינס פון דאס אנדערע. איך בין פאראינטערעסירט אין דעם ערפאלג פון דער באנק, ווייל איך בין פאראינטערעסירט מיט לייב און לעבען אין דעם ערפאלג פון אונזער אינטערנעשאנאל. און פונקט אזוי פארקעהרט. די באנק און די אינטערנעשאנאל זיינען איצט איינס. און פונקט אזוי פיהלט פרעזידענט זיגמאן און אלע אונזערע וויס־פרעזידענטען, וואס זיינען די באנק־דירעקטארען.

וויכטיג פאר די אינטערנעשאנאל מעמבערס פון נוארק.

דינסטאג אווענט, דעם 19טען פעברואר, וועט מאקס לעווין לעקטשורען פאר די אינטערנעיישאנאל מיטגלידער פון נוארק, ניו דזשוירזי. ער וועט רעדען איבער דער טעמא „די צילען און פראבלעמען פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג". ער וועט באזונדערס זיך אפשטעלען אויף אונזער אינטערנעיישאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

די לעקטשור וועט פארקומען אין 103 מאנטגאמערי סטריט, נוארק, ניו דזש. דינסטאג, 8 אוהר אווענט. זאלען די מיטגלידער פון לאקאל 21 ניט פארפעלען צו קומען צו דער לעקטשור.

גוטע טיקעטס פאר'ן קאנצערט פון אונזער אינטערנעשאנאל כאר.

אין דעם אינטערנעיישאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט, קאן מען באקומען גוטע טיקעטס פאר דעם קאנצערט פון אונזער אינטערנעיישאנאל כאר, וואס וועט פארקומען זונטאג ביינאכט, דעם 2טען מערץ, אין כאון האל.

דער באריהמטער פידעל־שפילער בראניסלאוו הובערמאן, וועט אנטייל נעמען אין דעם קאנצערט, און אי דער כאר, אי דער קינסטלער, וועלען ווייזען וואס זיי קאנען. עס וועט זיין עטוואס גרויסארטיקעס! דער אינטערנעיישאנאל כאר איז אונטער די פיהרערשאפט פון דעם בארימטען מוזיקער, הער ליא לאוו. קויפט טיקעטס באצייטענס, וועט איהר האבען פאר אייער געלט די בעסטע פלעצער.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — H. SCHOOLMAN, Business Manager

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. VI. No. 7. — New York, Friday, Feb. 15, 1924.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

ערב סטרייק אין דער דרעס אינ־דוסטריע אין שיקאגא.

אויף אן אנדער פלאץ אין דעם היינטיגען נומער „גערעכטיגקייט" וועלען די לעזער געפינען צוויי בריף, וועלכע דער דזשאינט באארד פון די שיקאגא׳ר לאָקאלס האט ארויסגעשיקט צו די שיקאגא׳ער דרעס־מאנופעקטשורערס. איין בריף איז געריכטעט צו די מאנופעקטשורערס, וועלכע האבען ביז איצט געהאט א פארשטענדיגונג מיט דער יוניאן, און וועמעס שעפער זיינען געווען יוניאן־שעפער; זיי ווערען איינגעלאדען צו באנייען זייער אגרימענט מיט דער יוניאן; און א צווייטער בריף איז ארויסגעשיקט געווארען צו די ניט־יוניאן־מאנופעקטשורערס, אין וועלכען עס ווערט זיי געגעבען צייט ביז דעם 18טען פון דעם מאנאט, אלזא ביז נעקסטען מאנטאג, צו קומען צו א פרידליכער פארשטענדיגונג, אויב זיי ווילען ניט קיין טראבעל.

⁂

יעדער אונפארטייאישער מענש, וואס וועט איבערלייענען די ביידע בריף, וועט מוזען צוגעבען, אז די יוניאן זוכט ניט ארויסצורופען א קאמף אין דער דרעס־אינדוסטריע. מעהר, עס איז קלאר, אז זי זוכט יעדע מעגליכקייט אויסצומיידען א סטרייק. די יוניאן וויל, אויב עס איז נאר מעגליך, קומען צו א פרידליכער פארשטענדיגונג מיט די דרעס־מאנופעקטשורערס. ניטא אין ביידע בריף קיין איינציג ווארט, וואס זאל האבען געצילט אויפצורעגען, צו ברענגען אין כעס די מאנופעקטשורערס. די יוניאן דיסקוטירט מיט זיי די לאגע אין דער אינדוסטריע. און שלאגט פאר, אלס די פארשטעהערין פון די ארבייטער, איהר קאאפעראציאן, איהר מיטווירקונג, כדי צו מאכען א סוף צו דעם הערשענדען כאאס אין דער דרעס־אינדוסטריע אין שיקאגא, פון וואס עס מוזען ליידען ביידע צדדים, סיי די מאנופעקטשורערס און סיי די ארבייטער, און זעהן ווי ווייט מעגליך איינפיהרען ארדנונג.

⁂

אויב אלזא עס וועט דאך קומען צו א סטרייק, וועט עס ניט זיין די שולד פון דער יוניאן. זי האט געטאן און טוט נאך איצט אלעס, אז עס זאל ניט דארפען קומען צו א דזשענעראל־סטרייק. און וועט ער דאך קומען, וועלען די איינציגע שולדיגע זיין די מאנופעקטשורערס. זיי מיט זייער ענטזאגען־זיך צו [illegible]ר־האנדלען מיט דער יוניאן פרידליך, און זעהן קומען צו א פארשטענדיגונג. וועלען ניט איבערלאזען דער יוניאן קיין אנדער ברירה, ווי צו סטרייקען. פון דעסטוועגען ווילען מיר ניט אויפגעבען אין גאנצען די האפנונג. אז אין די לעצטע פאר טעג וועלען די מאנופעקטשורערס דאך איינזעהן, אז דער קליגסטער און גערעכטעסטער וועג איז צו זעהן סעטלען מיט דער יוניאן אויף אן אנשטענדיגען, ציוויליזירטען אופן.

⁂

זיכער זיינען דאך די שיקאגאער מאנופעקטשורערס ניט אזוי ווילד, און ניט אזוי בלינד־פאר'עקשנ'ט, אז זיי זאלען ניט איינזעהן די נויטווענדיגקייט פאר אזא שריט. און פאר וואס זאלען זיי עס ניט טאן? וואס זיינען זיי, קליינע, שרעקעדיגע קינדער, וואס זיי האבען מורא צו קומען אין אירגענד וועלכע באריהרונג מיט דער יוניאן? ווייסען זיי דען ניט, אז די בעסטע ארבייטער אין די גרעסטע פעקטארים זיינען דוקא יוניאן־ארבייטער? עס קען דאך ניט זיין, אז אין דער יעצטיגער צייט זאלען אין דער וועסטערן מעטראפאליס, אין שיקאגא, זיך געפינען אזעלכע באסעס, וועלכע זאלען האלטען די יוניאן פאר עפעס א סטראשידלע. די יוניאן־פיהרער פאר מאנסטערס און די יוניאן־ארבייטער, אלס געפעהרליכע ברואים? זיכער האבען זיי געהאט די געלעגענהייט זיך צוצוקוקען צו די טעטיגקייטען פון דער יוניאן און איהרע פיהרער, און זיכער ווייסען זיי, אז אלעס, וואס די יוניאן וויל, איז נאר, דאס איהרע מעמבערס זאלען קענען מאכען אן אנשטענדיג לעבען. איז דאס אזא גרויסער פארברעכען? האבען דען ניט די מאנופעקטשורערס דעם זעלבען ווונש? און אויב די באסעס מעגען יע וועלען מאכען א בכבוד'ען לעבען, טו ווארום זאל עס זיין פאר די ארבייטער פארבאטען? ווארום זאלען די באסעס ניט צוגעבען, אז די יוניאן איז מכ'יש נויטיג פאר די ארבייטער, ווייל אהן איהר קענען זיי זיכער ניט אויספיהרען צו קריגען פון דעם באס דאס, וואס זיי קומט, דאס, צו וואס זיי זיינען פול בארעכטיגט?

⁂

עס קען זיין, אז צווישען די מאנופעקטשורערס זיינען דא עטליכע, וועלכע זיינען נעבאך אזוי אונוויסענד, אז זיי גלויבען, דאס די יוניאן וויל ביי זיי צונעהמען זייערע פעקטארים מיט הכל בכל, ארויסטרייבען זיי פון דארט, און ווערען דארט אליין די גאנצע בעלי בתים. אויף אזעלכע נארען, אויב אזעלכע זיינען דא אין שיקאגא, קען אונז ניט פארדריסען, ווען זיי ווילען ניט הערען און זעהן פון דער יוניאן. ווארים טאקע, ווער וויל עס אוועקגעבען מיט גוטען עטוואס, פון וואס ער מאכט א שעהן לעבען? אבער מיר קענען ניט אנגעהמען, אז די מעהרסטע מאנופעקטשורערס זאלען האבען אזא ווילדען באגריף איבער אונזער יוניאן אין שיקאגא. אונזער יוניאן האט דערוויילע נאר איין ציל: צו זעהן, אז די ארבייטער זאלען קריגען בעסער באצאהלט פאר זייער ארבייט. אזוי, אז זיי זאלען קענען מאכען א מענשענווירדיגען לעבען; אז זיי זאלען ניט זיין געצוואונגען צו ארבייטען אונמענשליך־לאנגע שטונדען, וואס מוז זיי ברענגען אלערליי קראנקהייטען, און דאן א פרעהצייטיגען טויט; אז זיי זאלען ארבייטען אין סאניטארע, ליכטיגע, לופטיגע שעפער, ניט אין פעסט־לעכער, וועלכע זיינען ניט בלויז א געפאהר פאר זייער געזונד, נאר אויך א געפאהר פאר אלע די, וועלכע טראגען די קליידער, וואס זיי נייהען. דאס, און ניט מעהר, ווי דאס, וויל די יוניאן. קען דאס זיין, אז די דרעס מאנופעקטשורערס זאלען טאקע אם דערצו ניט צושטימען? קען דאס זיין, אז זיי זאלען זיך ניט שעהמען און עפענטליך צוגעבען, אז זיי קענען ניט אנדערש פיהרען זייערע געשעפטען, ווי נאר באשעפטיגענדיג ארבייטער און ארבייטערינס, וועלכע מוזען לעבען אין דער שוידערליכסטער אויסמיים? קען דאס זיין, אז זיי וועלען צוגעבען בפרהסיא, אז די ארבייטער מוזען שטארבען יונגערהייד, כדי זיי זאלען קענען מאכען זייערע פראפיטען? וועלען זיי צוגעבען, אז יעדער דאלאר, וואס זיי מאכען, איז דער פרייז פון א שטיק הארץ־בלוט פון דעם ארבייטער?

⁂

מיר קענען עס זיך קוים פארשטעלען, אז אין דער איצטיגער צייט זאלען זיין אזעלכע מאנופעקטשורערס; און אויב די שיקאגאער דרעס־מאנופעקטשורערס זיינען ווירקליך פון דעם סארט, קענען מיר זיך ניט פארשטעלען, אז די עפענטליכע מיינונג זאל דולדען אזא ציניש, שוידערליכען קאניבאליזם, און מיר זיינען זיכער, אז אויב די באסעס וועלען דאך ניט איבערלאזען דער יוניאן קיין אנדער אויסוועג, ווי ארויסצורופען איהרע ארבייטער אין קאמף, וועלען זיי גענען זיך האבען ניט בלויז די ארבייטער, וואס זיינען דירעקט פאראינטערעסירט אין דעם קאמף, נאר יעדען מענשען, וואס קען עטוואס דענקען און פיהלען. זיי אלע וועלען געוויס זיין אויף דער זייט פון דער יוניאן, און וועלען איהר העלפען מיט אלע כחות בייצוקומען די בלינדע עקשנות פון די מאנופעקטשורער.

⁂

מיר ווייסען, אז אויף מענשען, וועלכע פארשטעהען אזוי ווייניג, וואס א יוניאן איז, און וועלכע האבען פאר איהר אזוי ווילד מורא, וועלען אונזערע רייד נאר א קנאפע ווירקונג האבען. אבער, ווייל מיר גלויבען ניט, אז די מעהרסטע דרעס־מאנופעקטשורערס זיינען פון דעם שניט, ווילען מיר זיי ווייזען, ווי העכסט אונגערעכט און אונפראקטיש זיי וועלען האנדלען, אויב זיי וועלען ניט זוכען צו קומען צו א פרידליכער פארשטענדיגונג מיט דער יוניאן. אנגענומען, אז זיי גלויבען, דאס זיי זיינען שטארק גענוג און די ארבייטער זיינען ניט פאראייניגט גענוג, אום צו קענען געווינען דעם סטרייק, ווילען מיר זיי ערקלעהרען, אז אפילו, ווען זיי זאלען געווינען, האבען זיי אויך פארלארען. ווארים, ערשטענס, וועלען זיי געווים האבען א גרויסען געלד־פארלוסט פאר דער צייט, וואס דער סטרייק וועט אנהאלטען. א פארלוסט, וועלכען זיי וועלען אפשר ניט קענען גוטמאכען מיט א פאר יאהר פראפיטען; צווייטענס, ווייסען זיי דען ניט, אז א יוניאן גיט זיך קיינמאל ניט אונטער? אז אזוי שנעל, ווי זי פארלירט א סטרייק, הויבט זי באלד אן ווידער זיך פארברייטען צו א נייעם קאמף. אזוי, דאס די באסעס האבען ווירקליך קיינמאל קיין רוהיגע מינוט ניט, און אימערצו מוזען זיי ערווארטען אז ניט היינט, מארגען וועט ווידער אויסברעכען א סטרייק? און, דריטענס, ווי קענען זיי ערווארטען, דאס די סטרייקער, וועלכע וועלען זיך צוריקקעהרען אין זייערע שעפער, און נאטירליך, ניט מיט זייער גוטען ווילען, נאר געטריבען פון דער גרעסטער נויט, וועלען ארבייטען פאר זיי מיט דער נויטיגער געטרייישאפט, אזוי, אז זיי זאלען קענען מאכען פון זיי די ערווארטעטע פראפיטען?

⁂

דאס איז אין סאמע ערגסטען פאל, אויב די יוניאן זאל דאס מאל פארלירען איהר קאמף. אבער ווארום, אויף וועלכען גרונד קענען די מאנופעקטשורערס זיין אזוי זיכער אין דעם? געווים האבען זיי געהערט פון פארשיידענע קריגערייען און מיספארשטענדניסע אין דער יוניאן. קען זיין, אז זיי האפען אויף דעם. עס קען אויך זיין אז זיי האבען געהערט, דאס די שיקאגאער דרעסמאכער יוניאן האט ניט אזא רייכע טרעזשורי. דענקען זיי, אז די סטרייקער וועלען ניט לאנג קענען אויסהאלטען דעם קאמף; אז דער הונגער וועט זיי טרייבען צוריק אין די פעקטארים. דאן, קען זיין, האבען זיי אין זינען, וואס זיי האבען אויף זייער זייט די פאליס, די אינדזשאנקשאן־דזשאדזשעס. אבער מיר זיינען זיכער, דאס זיי מאכען נאר א גרויסען טעות אין פשט. לאמיר געהן כסדר.

⁂

עס איז אמת, אז אין דער יוניאן זיינען לעצטענס פארגעקומען קריגערייען. דאס קענען מיר ניט און ווילען ניט פארלייקענען. אבער מיר זיינען איבערצייגט, דאס אין דעם מאמענט, ווען דער קאמף וועט זיך אנפאנגען, וועלען אלע, ווי איין מענש, שטעהן מיט דער יוניאן געגען אייך, און אייערע ערווארטונגען צו ציהען פאר זיך אירגענד וועלכע נוצען פון די אונגליקליכע, אינערליכע מחלוקות וועלען זיך ארויסווייזען א בוסטער, א בייזער חלום. און, אז עס וועלען זיך אפשר יא געפינען עטליכע סקעבס און פאררעטער, איז וואס? די דאזיגע שמוציגע נפשות פעהלען ניט אויס אין קיין ארבייטער־קאמף. אבער זיי זיינען פון גאר קיין באטרעף ניט, ווען די יוניאן אין אלגעמיין איז קערן־געזונד. און דאס, קענען מיר פארזיכערען, איז דער פאל מיט דער דרעס־מייקער יוניאן אין שיקאגא. דאן קומט די פראגע, ווי לאנג די שיקאגאער דרעסמייקערס וועלען עס קענען אויסהאלטען. וועל, די מאכט און דויערהאפטיגקייט פון אן ארבייטער־קאמף ווענדעט זיך קיינמאל ניט אן דער טרעזשורי. פיל מעהר איז עס דער גרויסער געפיהל פון געשעהענער אונגערעכטיגקייט פון דער זייט פון די באסעס, וואס האלט די ארבייטער פעסט און פאראייניגט. פיל מעהר איז עס דער געדאנק, די באגייסטערונג פאר דאס, פאר וואס זיי קעמפען, וואס גיט זיי דעם נויטיגען כח אויסצוהאלטען אלערליי פארפאלגונגען. נאר, אויב איהר מיינט, אז די דרעס־מאכער אין שיקאגא זיינען נאר אין גאנצען מיטעללאז, האט איהר ווידער א גרויסען טעות. זייער קאמף וועט אנגעפיהרט ווערען פון אונזער אינטערנעשאנאל, און זי וועט זיכער מיט אלע איהרע קרעפטען זעהן צו באזארגען די סטרייקער לכל הפחות מיט דאס סאמע נויטווענדיגסטע. אחרון־אלעמען האבען מיר א גרויסע מעכטיגע ארבייטער־באוועגונג אין אמעריקא, וועלכע וועט אויך ניט בלייבען א גלייכגילטיגער צוקוקער, אין פאל די סטרייקער וועלען זיך נויטיגען אין מאטעריעלער הילף. און וואס אנבאטרעפט אייער האפנונג אויף אייערע פאליס, גארילאס, אינדזשאנקשאן־דזשאדזשעס, זיינען די ארבייטער געפאסט אויף דעם. זיי האבען געוויזען, און זיי וועלען איצט ערשט רעכט ארויסווייזען, אז זיי האבען קיין מורא ניט פאר דעם. דאן קען אויך גאנץ גוט געמאלט זיין, אז דאס, אויף וואס איהר האפט אם שטארקסטען, זאל ניט מקוים ווערען. די עפענטליכע מיינונג, וועלכע וועט זיכער זיין מיט די סטרייקער, קען מאכען א גראבען שטריך איבער אלע אייערע חשבונות אין דער הינזיכט.

⁂

אם ווענען דעם אלעם וואלט געווען זעהר, זעהר ראטזאם פאר אייך, פאר די אינדוסטריע, א גוטען טראכט צו טאן. דאן איז עס זיכער, דאס דער סטרייק קען אויסגעמידען ווערען. ווארים, ווי מיר האבען שוין געזאגט, די יוניאן וויל ניט קיין סטרייק. נאר מיר זיינען זיך מודה, מיר האבען גאר א קנאפע האפנונג. ווארים, ווען איהר וואלט ריכטיג פארשטאנען די לאגע, וואלט איהר דאך שוין לאנג צוריק געקענט זיך אויסגלייכען מיט דער יוניאן. און אט דער פאקט, דאס איהר האט עס ביז איצט ניט געטאן, מאכט אונז גאנץ שטארק צווייפלען אין דעם, אויב איהר וועט עס איינזעהן אין דער עלפטער שטונדע, איידער עס איז נאך ניט צו שפעט. אבער געדענקט, מיר האבען אייך געווארענט, מיר האבען פאר אייך גאנץ קלאר געמאכט די לאגע פון איהרע פארשיידענע ווינקלען; איהר וועט ניט קענען קומען מיט דער טענה, דאס דער סטרייק איז געקומען פאר אייך פלוצלונג, אונערווארטעט, און דאס די יוניאן האט אייך ניט געגעבען די געלעגענהייט צו סעטלען אויף א פרידליכען, אנשטענדיגען און ציוויליזירטען אופן. אלע ווייסען, אז דעם סטרייק, אויב ער וועט אויסברעכען, האט איהר אליין ארויסגערופען, ארויסגערופען מיט געוואלד. איהר האט געצוואונגען די ארבייטער צום קאמף. און פאר דעם, זייט זיכער, וועט איהר נאר אין גיכען מוזען טייער באצאהלען.

א פאר ווערטער צו די וואהלען פון לאקאל 20.

מיר זיינען געווען לעצטען שבת ביי דער אינסטאלליישאן פון די ניי־ערוועהלטע מענעדזשער און סעקרעטאר און עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 20, ווי אויך צו דעם באנקעט, וואס איז פאראנשטאלטעט געווארען לכבוד די ניי־ערוועהלטע. אין די וואהלען האט זיך באטייליגט באלד א העלפט פון די מיטגלידער פון לאקאל, איבער פיער הונדערט, און אורטיילענדיג פון דעם רעזולטאט פון די וואהלען קען מען זאגען, אז דער געדאנק פון די וועהלער איז געווען צו מאכען א סוף, צו באגראבען טיף, טיף דעם גאנצען אלטען רעזשים, ווי ער איז געווען פארקערפערט אין דעם געוועזענעם מענעדזשער, און וועמעס דעמאראליזירענדע ווירקונג, ווען זי געדויערט אביסעל לענגער, און ווען דער געוועזענער סעקרעטאר, ברודער פרידמאן, כאפט זיך ניט אין צייט און טרעט ניט אויף אזוי מוטיג, וואלט געווים צובראכען און פארניכטעט דעם לאקאל.

⁂

געווים פארדריסט עס אונז, וואס אין דער מהומה איז ארויסגעפאלען נעבאך ברודער פרידמאן, דער סעקרעטער, וואס האט באדארפט באלוינט ווערען פאר זיין געטרייישאפט צו דער יוניאן און פאר זיין פעסטקייט און מוטיגקייט מיט דער גרעסטער צאהל שטימען. אבער, ווער קען זיך פאנאנדערקלייבען אין די מאטיווען און געפיהלען פון די וועהלער? מיר מוזען זיך צופרידענשטעלען, לכל הפחות, דערמיט, וואס אלס מענעדזשער איז אויסערוועהלט געווארען ברודער פאלינסקי, וועלכער האט אין דער לעצטער צייט, ווען ער האט דערשמעקט דעם פוילעניש־גערוך פון דעם געוועזענעם מענעדזשער, האט זיך פון איהם אפגעקעהרט, און האט איהם שטארק באקעמפט. אויך דער ניי־ערוועהלטער סעקרעטער שיינט צו זיין א גאנץ אינטעליגענטער יונגער מאן, און מיר ווילען האפען, אז ער וועט זיך ארויסווייזען, אין אלע פרטים, אלס א ווירדיגער נאכפאלגער פון דעם געוועזענעם סעקרעטער, ברודער פרידמאן, וועלכער האט זיך ווירקליך שטארק פארדינט ביי זיין לאקאל. וואס אנבאטרעפט די ניי־ערוועהלטע עקזעקוטיוו, האפען מיר, אז זי וועט אנשלאגען א גאנץ פארקערטע ריכטונג, ווי די אלטע עקזעקוטיווע. זי וועט זיך ניט לאזען פיהרען פאר'ן נאז פון קיינעם. זי וועט זיך ניט פארנעהמען מיט פארשידענע פראגען, וואס זיינען גארניט נוגע די יוניאן, און דערוויילע דערלאזען אירגענד א פיק־פאקעט אויסצולעדיגען איהרע קעשענעס, נאר געטריי און איבערגעבען וועט זי אויפפאסען אויף די אינטערעסען פון דער יוניאן, וואס זיינען איהר אנפארטרויט געווארען.

⁂

דאס איז געווען דער אינהאלט פון אלע רעדען, סיי פון דעם שרייבער פון דיזע צייל און סיי פון אונזערע וויס־פרעזידענטען: פיינבערג און האלפערן. און אורטיילענדיג נאך דעם בייפאל, מיט וועלכען די רעדען זיינען אויפגענומען געווארען, שיינט אונז, אז לאקאל 20 האט ווירקליך אין גאנצען אפגעשניטען מיט דער פארגאנגענהייט; אז ער שעהמט זיך מיט איהר; אז ער וויל וואס גיכער אן איהר פארגעסען. דאס איז א געזונטער געפיהל. דאס צייגט, אז לאקאל 20 איז איצט אויף דעם ריכטיגען וועג גענעזען צו ווערען. און פון גאנצען הארצען גראטולירען מיר איהם מיט דעם פאקט, ווינשען איהם דעם בעסטען ערפאלג אין אלע זיינע טעטיגקייטען, און מיר קענען איהם פארזיכערען, דאס ווען ער זאל זיך נאר נויטיגען אין הילף מיט ראט און טאט פון דער אינטערנעשאנאל,

וואס דער אינטערנעשאנאל איסטערן ארגא-ניזאציאנס-דעפארטמענט האט אויפגעטאן

פון דזש. האלפערין.

.2

איצט בלייבט אונז צו ווייזען וואס מיר האבען אויפגעטאן, וואס מיר האבען דערגרייכט דורך די ארבייט און טעטיגקייטען פון דעם איסטערן אינטערנעשאנאל ארגאניזאציאנס-דעפארטמענט, אויף דער טעריטאריע וואס עס איז אונז געגעבען געווארען צו ארבייטען.

ערשטענס: אלע ארגאנייזערס פון דעם דעפארטמענט האבען דורך זייער טעטיגקייט געוואונען דעם רעספעקט פון די אלע לאקאלע און צענטראלע קערפערשאפטען, פון די „סענטראל לייבאר יוניאנס" פון אלע שטעדט און שטעדטלאך. און ניט נאר רעספעקט אליין, מיר האבען אויך באקומען די פולע קאאפעראציע פון די אמעריקאנער יוניאנס. זיי האבען אונז מיטגעהאלפען אין דער ארבייט, ווען נאר מיר האבען זיך אין דעם גענויטיגט און מיר האבען זיך צו זיי געווענדעט. טיילווייז האבען מיר אויך באקומען די קאאפעראציע פון אנגעזעהענע מענשען אין יענע שטעדט, וואס זיינען ניט פארבונען דירעקט מיט דער ארבייטער-באוועגונג, מענשען וואס האבען א געפיהל פון יושר און וואס סימפאטיזירען מיט דער גוטער ארבייט וואס מיר טוען דארט פאר די פארבעסערונג פון דער טרויעריגער לאגע פון די ארבייטער.

און אט איז דער אלגעמיינער רעזולטאט פון אונזער ארבייט:

פיר און צוואנציג לאקאל יוניאנס פון אונזער אינטערנעשאנאל זיינען דורך דער צייט ארגאניזירט געווארען אין פארשיידענע שטעדטלאך פון אונזער טעריטאריע. מיר האבען גלייך גענומען אויפפאסען אויף די ארבייטס-באדינגונגען פון די ארבייטער אין יענע שעפער, און אטענדען צו די שאפ-קאמפליינטס. פאר דער צייט האבען מיר באקומען 475 פארשיידענע קאמפליינטס און זיי זיינען אטענדעט געווארען אזוי ווי עס איז נאר מעגליך געווען דאס צו טאן.

125 שעפער זיינען אין דער צייט ארויס פון ביזנעס. בלויז 25 פון דיזע שעפער האבען געהאט מיט אונז אגרימענטס, די אנדערע הונדערט זיינען געווען „אפען שאפס".

מיר האבען יעצט יוניאן-אגרימענטס אין יענע שטעדטלאך מיט 85 קלאוק- און דרעס-פירמען. 1949 ארבייטער פון יענע שעפער זיינען אונטער'ן פולען קאנטראל פון אונזער דעפארטמענט און נאך א טויזענד ארבייטער פון יענע שעפער באלאנגען צו ניו יארקער לאקאלס, וועהרענד זיי ארבייטען אין די קאנטרי-שעפער.

אין דער טרעזשורי פון די 24 לאקאלס, וואס זיינען דארט ארגאניזירט געווארען, געפינט זיך איצט ארום — 6,100.00 דאלאר.

אין פארלויף פון דער צייט, וואס מיר זיינען דארט טעטיג, האבען מיר געהאט אנצופיהרען 55 סטרייקס, און מיר האבען געהאט געגען זיך 15 אינדזשאנקשאנס. עס פארשטעהט זיך, אז דיזע סטרייקס האבען געקאסט אונזער אינטערנעשאנאל א באדייטענדע סומע געלד. עס איז אויף זיי פארברויכט געווארען א מאסע ענערגיע, און דאס האט געבראכט מיט זיך ניט ווייניג ליידען.

אין ניו בריטען, וועסט האבאקען און קעמדען, ניו דזשוירזי, האבען מיר געהאט געגען זיך ניט ווייניג „פריים אפס" און א סך ארעסטען. אין קעמדען האבען מיר געהאט שעפער אין סטרייק זייט די לעצטע זעקס מאנאטען. יעדער פון די סטרייקער איז דורך דער צייט געוועזען ארעסטירט פון צעהן ביז פופצעהן מאל, און איז יעדעס מאל געשלעפט געווארען אין קאורט אויף פאלשע געפיקסטע באווייזען. אבער די סטרייקער פון יענע שעפער האבען געקעמפט מיט פיל ענטוזיאזם און זיינען מיט א שעהנעם גייסט דורכגעקומען אלע שוועריגקייטען און ליידען. דער רעזולטאט איז, דאס די מעהרסטע פון יענע סטרייקס זיינען געסעטעלט געווארען צו גונסטען פון די ארבייטער און פון דער יוניאן.

דער סטעף פון דעם דעפארט-מענט.

אין דעם דעפארטמענט זיינען באשעפטיגט די פאלגענדע פערזאנען, וועלכע זיינען אנגעשטעלט דירעקט פון אונזער אינטערנעשאנאל: ברודער ארעצקי, ברודער שוב, ברודער דעראנדא און ברודער מאגיא.

אחוץ דעם רעגעלען סטעף פון דעפארטמענט באקומען מיר אויך די הילף און מיטווירקונג פון ברודער אב. ראזענבערג, דער מענעדזשער פון דעם דזשוירזי סיטי אפיס פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק- און דרעס-מאכער יוניאן פון ניו יארק; פון ברודער מאקס ברוק, דער מענעדזשער פון דעם דזשאינט באארד אפיס אין נוארק, ניו דזשוירזי, און די ברידער שנייד און סידיסאנס, דזשאינט באארד ארגאנייזערס, וועלכע ארבייטען אויך אויף יענער טעריטאריע. די דערמאנטע פערזאנען ווערען באשעפטיגט פון דעם דזשאינט באארד, אבער ווען און וואו עס איז נויטיג ארבייטען זיי צוזאמען מיט די ארגאנייזערס פון אונזער דעפארטמענט. און רעדענדיג וועגען די אלע פערזאנען וואס ארבייטען אויף דעם געביט, וועט ניט שאדען צו דערמאנען, דאס זיי ארבייטען אלע מיט גרויס פלייס און א סך איבערגעבענקייט און יעדער איינער פון זיי האט געוויס ניט ווייניג בייגעטראגען צו דעם אלעם וואס מיר האבען אויפגעטאן דורך דער קורצער צייט וואס דער דעפארטמענט האט גענומען פונקציאנירען. מיט די פאר ווערטער בין איך אויסען זיי צו געבען דעם קרעדיט פאר דער ארבייט, וואס זיי האבען כשר פארדינט.

♣

ווי ווייט עס איז נאר מעגליך געווען האבען מיר פארטיילט די טעריטאריע אויף וועלכע מיר ארבייטען אין באזונדערע דיסטריקטען, און מיר וועלען דא אנווייזען ווי אזוי די ארבייט ווערט געטאן.

ברודער מאגיא האט אונטער זיין אויפזיכט דעם דיסטריקט פון וועסטשעסטער קאונטי. זיין אפיס געפינט זיך אין 35 סאוטה 4טע עוועניו, מאונט ווערנאן, נ. י. דער אפיס פאסט-אויף אויף 13 יוניאן-שעפער, אין וועלכע עס ווערען באשעפטיגט אריבער 500 ארבייטער. 350 ארבייטער זיינען מיטגלידער פון מט. ווערנאן ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן לאקאל 113, איינער פון די לאקאלס וואס מיר האבען דארט ארגאניזירט. די אנדערע ארבייטער זיינען מיטגלידער פון אונזערע אנדערע לאקאלס. דער דיסטריקט שליסט אויך איין אין זיך ניו ראשעל, נ. י., טוקאהא, נ. י., יאנקערס, נ. י., און נאך אנדערע שטעדטלאך ארום מט. ווערנאן.

אין מאונט ווערנאן זיינען דא זעקס יוניאן דרעס-שעפער און צוויי יוניאן קלאוק-שעפער. אין יאנקערס זיינען דא דריי יוניאן קלאוק שעפער און איין יוניאן דרעס שאפ. די אנדערע שעפער זיינען צושווארפען איבער די אנדערע שטעדטלאך אין דעם געגענד. און אזוי ווי די יוניאן-שעפער זיינען צושווארפען אויף א גרויסע שטרעקע לאנד, נעהמט עס אוועק א סך צייט, ווען מען דארף אטענדען די פילע קאמפליינטס וואס קומען אריין אין אפיס פון די דאזיגע שעפער. עס קומט אמאל אויס צו אטענדען איין קאמפליינט אין איין שטעדטעל און א צווייטען קאמפליינט אין א צווייטען שטעדטעל. אבער אלע קאמפליינטס ווערען פינקטליך אטענדעט, ניט אכטענדיג וואו דער שאפ געפינט זיך.

אין דער צייט ווען דער רעפארט איז געשריבען געווארען, האט דער לאקאל 113 פון מאונט ווערנאן געהאט 250 מיטגלידער און 4,250.00 דאלאר אין זיין טרעזשורי.

אויף דעם ארגאניזאציאנס-געביט אין דעם דיסטריקט איז דורך דער צייט געמאכט געווארען א באדייטענדער פראגרעס, אבער עס איז נאך דא צו טאן דארט גענוג ארבייט. עס זיינען נאך דא דארטען 35 ניט-יוניאן שעפער און אלע אנשטרענגונגען ווערען געמאכט די שעפער צו ארגאניזירען.

ברודער בערנארד שוב האט אונטער זיין אויפזיכט א צווייטען דיסטריקט. דארטען זיינען דא 9 לאקאלס און 18 יוניאן שעפער, אין וועלכע עס ווערען באשעפטיגט 750 מיטגלידער.

איין לאקאל געפינט זיך אין ספרינג וואלי, נ. י., לאקאל 128. אומגעפער מיט א יאהר צוריק האט דער לאקאל געהאט ארום 100 מיטגלידער. ווען די באלעבאטים פון יענע שעפער האבען געזעהן אז די יוניאן איז ניט געקומען פאר א ווייל, דאס זי מיינט דארטען צו פארבלייבען, איז דארט סלעק געווארען און די מיטגלידערשאפט פון דעם לאקאל האט זיך פארקלענערט. איצט האט יענער לאקאל 60 גוטשטעהענדע מיטגלידער און 200 דאלאר אין דער טרעזשורי.

אין סטעמפארד, קאננעקטיקוט, געפינט זיך לאקאל 127. דער לאקאל איז באוואוסט אלס „די קלאוקמאכער יוניאן אוו סטעמפארד". דער לאקאל האט איינמאל געהאט צו פיהרען א שווערען קאמף פאר זיין עקזיסטענץ. איצט אבער געפינט זיך דער לאקאל אין א גוטען צושטאנד. ער האט 90 גוטשטעהענדע מיטגלידער און ארום 700 דאלאר אין דער טרעזשורי.

א גאנץ נייער לאקאל, וואס איז ניט לאנג צוריק ארגאניזירט געווארען, געפינט זיך אין סאוט נארוואלק. דאס איז לאקאל 141. דער לאקאל האט נאך דערווייל א גאנץ קליינע מעמבערשיפ, אבער עס זיינען דא גוטע אויסזיכטען, אז זיין מעמבערשיפ זאל זיך פארגרעסערען אין דער גאר נאהענטער צוקונפט.

אין ברידזשפארט, קאנעקטיקוט, האבען מיר דריי לאקאל יוניאנס. די קארסעט וואירקערס יוניאן, לאקאל 33, די קארסעט קאטערס יוניאן, לאקאל 34, און די ברידזשפארט ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן, לאקאל 137. לאקאל 33 האט 300 מיטגלידער און ארום 300 אין דער טרעזשורי. לאקאל 137 האט 60 גוטשטעהענדע מיטגלידער און ארום 200 דאלאר אין דער טרעזשורי.

אין וואטערבורי, קאנג., איז יעצט דא א ניי-ארגאניזירטער לאקאל מיט 40 מיטגלידער. דאס איז די וואטערבורי ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן, לאקאל 43. דער לאקאל האט א 100 דאלאר אין זיין טרעזשורי. אזוי ווי דארטען זיינען דא ארום 200 ליידיס גארמענט וואירקערס, מיינט דאס בלויז 40 פראצענט פון זיי זיינען ארגאניזירט, און עס זיינען דא גוטע אויסזיכטען אריינצוקריגען אין דער יוניאן אלע ארבייטער וואס געפינען זיך אין די ליידיס גארמענט שעפער.

נעקסט קומט לאקאל 138 פון קאלמישעסטער, קאנג. דער לאקאל האט ארום 90 מיטגלידער און ארום 400 דאלאר אין דער קאסע.

נאך צוויי נייע לאקאלס זיינען לעצטענס ארגאניזירט געווארען, ווי פאלגט: לאקאל 30, אין סטעמפארד, קאנג. און לאקאל 135 אין אדאמס, ניו יארק. דער לאקאל אין אדאמס האט ארום 30 מיטגלידער און ארום 150 דאלאר אין טרעזשורי.

לאנג איילאנד און א טייל פון ניו דזשוירזי סטייט איז אונטער די אויפזיכט פון ברודער ארעצקי און ברודער דיוראנט. אין דעם דיסטריקט זיינען דא זיבען אינטערנעשאנאל לאקאלס און 28 יוניאן שעפער. 430 ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט אין יענע שעפער, זיינען מיטגלידער פון די לאקאלס, וואס געפינען זיך אין יענעם דיסטריקט און 450 ארבייטער, וואס באלאנגען צו די לאקאלס פון ניו יארק.

אונטער זייער אויפזיכט זיינען: די וואודהייווען ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן לאקאל 107, די דזשעמייקא ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן, לאקאל 57; לאקאל 77, פון קאראנא, לאנג איילאנד, און נאך אנדערע לאקאלס, וועלכע מיר וועלען דערמאנען שפעטער.

אויך וועגען די לאקאלס אין דעם דיסטריקט איז פאראן א סך אינטערעסאנטעס צו דערציילען און מיר מוזען עס לאזען פאר א צווייטען מאל.

צער בעלי חיים

(פעליעטאן)

פון ז. וואהילער.

אפטמאל טראכט איך אז עס וואלט געווען א גרויסער יושר ווען עס זאל זיך ארגאניזירען א קאמיטעט, און אפשר טאקע א גאנצע פארטיי מיט ברענטשעס אין אלע שטעדט און שטעדטלאך, וועמעס אויפגאבע עס זאל זיין צו פארהיטען דעם כבוד פון מתים. עס איז דאך שוידערליך, ווען מען טוט א קלעהר, ווי אזוי מען באנעהט זיך עס מיט א טויטען, הילפלאזען בר מנן. לא די וואס מען באגראבט איהם ניין איילען אין דער ערד, שטעלען זיך נאך מענשען אוועק און האלטען הספדים איבער איהם און שרייבען נעקראלאגען איבער איהם און זאגען און שרייבען אזעלכע זאכען, וועגען איהם אז ביים נפטר אין קבר מוז דער ארון ברענען פאר חרפה...

און עס וואלט ניט געדארפט זיין אזוי. דאס א ו ו ע ק ג ע ה ע ן פון א מענשען פון דער וועלט וואלט געדארפט זיין ווי דאס ק ו מ ע ן פון א מענשען אויף דער וועלט: שא, שטיל, מיט א געוויסען יראת הכבוד, מיט א מין הייליגער באציהונג. מען זאל ארומגעהן אויף די שפיץ פינגער, קיין רושם ניט מאכען, שא — א מענש שלאפט...

עס איז דאך קיין קונץ ניט. מען נעהמט א מענשען און מען באהאלט איהם אין דער ערד און נאכדעם לאזט מען אפ אלע זיינע פריינד און אלע זיינע שונאים זיי זאלען איבערשטייגען איינס דאס אנדערע אין שבחים און זלזולים: הויבען די פריינד איהם אין די וואלקענס, שטופען די שונאים איהם טיף אין אפגרונד. און ער, דער מת, וואס וואלט, ווען ער זאל קענען, צובראכען די קעפ פון די פריינד ווי פון די שונאים פאר אויסטראכטען און פאר מגזם זיין וועגען איהם אזעלכע מעשיות, מוז נעבאך ליגען און קריצען מיט די צייהן און שווייגען.

ווער ווייסט וואס פאר א יסורים, וואס פאר א צער די מתים מוזען נעבאך ליידען — פארשטעהט זיך, די אומשטערבליכע, אט די וואס בלייבען לעבען אויף אייביג און אייביג; אין וועמעס [illegible] אפילו די גרעסטע אפיקורסים צווייפלען ניט.

וואלטען מענשען, למשל, געוואגט צו רעדען און צו שרייבען וועגען לענינ'ען און וועגען ווילסאנ'ען, ווען זיי זאלען זיין לעבעדיגע, אט אזוי ווי מען האט געשריבען און גערעדט וועגען זיי נאך זייער טויט? געוויס ניט. מען וואלט זיך געשעמט, מען וואלט מורא געהאט, מען וואלט ניט געהאט די חוצפה, די העזה, טא פאר וואס ישע זאל מען זיך פיהלען אזוי פריי, אזוי הפקר פעטרישקע, דערפאר וואס יענער ליגט און קען ניט ריהרען מיט קיין איבר און קען ניט כאפען קיין שטעקען?...

אפשר וואלט מען איינגעפיהרט א מנהג אדער א געזעץ, אז נעקראלאגען זאלען געדרוקט ווערען בעת דער מענש לעבט נאך. סיי ווי סיי ווערען זיי דאך געשריבען ווען ער לעבט נאך. אין יעדער גרויסער רעדאקציע ליגען דאך אנגעגרייט אנגעשריבענע נעקראלאגען נאך יעדען גרויסען מענשען וואס קען, חלילה, צו יעדער מינוט א שטאטש טאן. אבער וואס געהט דערווייל ארום און פיהרט אן זיינע געשעפטען און דער טויט ליגט איהם ניט אין דער לינקער פאה אפילו. און מאנכע לעזער חידוש'ן זיך: ועה נאר, ערשט א שעה אז יענער איז געשטארבען און שוין האט די צייטונג א באשרייבונג אויף גאנצע צוויי זייטען! ווי קען מען דאס אנשרייבען אזוי שנעל אזא גרויסע באשרייבונג? זיי ווייסען ניט, די לעזער, אז דער ארטיקעל ליגט שוין אן אנגעשריבען אזעלכע צעהן, פופצעהן יאהר; אז ער האט זיך קוים דערווארט די שעה ער זאל שוין דערזעהן די ליכטיגע וועלט...

איז אזוי ווי דער נעקראלאג ווערט דאך סיי ווי סיי געשריבען בעת יענער לעבט נאך, טא פאר וואס זאל מען איהם אויך ניט אפדרוקען בעת יענער לעבט נאך? זאל טאקע א מענש זעהן וואס מען שרייבט וועגען איהם, סיי פריינד און סיי שונאים. זאל ער טאקע אליין איבערלייענען און האבען א מעגליכקייט צו קארעגירען וואו נויטיג, אפלייקענען אויסגעטראכטע זאכען, פארענטפערען געוויסע פראגען, ערקלעהרען מאטיוועך, און אזוי ארום לאזען נאך זיך א ריינעם רעקארד, אז די צוקונפטיגע דורות זאלען ניט דארפען זיך ברעכען די מחות צו ערקלעהרען אויסגעטראכטע בויך-סברות וואס זיינען געמאכט געווארען פון אומפאראנטווארטליכע פריינד אדער שונאים.

און מען קען זיך שוין פארשטעלען ווי אזוי א מענש וואלט געפיהלט ווען ער זאל לייענען אט די אומגעלומפערטע גוזמאות וואס מען שרייבט וועגען איהם. ווי מען זוכט דאס אריינצוטייטשען אין זיינע מעשים, פון איין זייט, אלע נאבעלסטע מאטיוון און, פון דער צווייטער זייט, אלע טייפעלשע מאטיוון. ער וואלט געפיהלט ווי יענער נאאיווער דיכטער ווען ער האט געלייענט די ערשטע קריטיק אויף זיינע לידער, ווי דער קריטיקער האט גענומען אויסטייטשען אז „די שווארצע וואלקענס" מיינט מען דעם פינסטערען גלות און „די ליכטיגע זון" איז עס דער משיח. דער נאאיווער דיכטער קנייטשט מיט די פלייצעס: וואס פאר א גלות? וואס פאר א משיח? ער האט אויף זיין לעבען נאר אזוינע רעיונות ניט געהאט. ער האט פשוט געמיינט שווארצע וואלקענס מיט א ליכטיגער זון.

וואס עס זאל ניט זיין מיין פערזענליכע מיינונג וועגען א ווילסאן צי לענין, קען איך דאך ניט גלויבען אז זיי

(שלוס אויף זייט 15).

די ראליע פון א היפאקרים. נו, טא פרעגט שוין גאר ניט, וואס עס טוט זיך אט אין אונזער פרעסע. עס איז א סברא, אז אט פאר דעם דאזיגען פארברעכען וועלען די מיליאנען הונגעריגע קינדער אין דייטשלאנד איבערגעלאזען ווערען צו זייער שיקזאל. זאגט זיי וויסען, וואס אמעריקא קען.

לענין און ווילסאן

פון א. זעלדין.

ביידע זיינען זיי געווען גרויסע מענ־שען אין זייער צייט. אין דערזעלבער צייט, און ביידע זיינען זיי כמעט גלייכ־צייטיג געשטארבען.

ווילסאן און לענין.

דער לעצטער האט אבער איבערגעלא־זען א ירושה, איבער וועלכער די יורשים רייסען זיך. דער ערשטער האט איבער־געלאזען — וואס?

מען האט אויך געקענט פרעגען ווער פון זיי איז געווען גרעסער, ווער פון זיי האט באווירקט די וועלט פאסירונגען שטארקער. אבער דאס איז איינע פון יענע פראגען, וואס וועט קיינמאל ניט פארענטפערט ווערען גלייך. ביי זייערע אנהענגער איז יעדער איינער, אהן ספק, דער גרעסטער. אפילו די געשיכטע איז אויך ניט מאסגעבענד. דער אורטייל פון דער געשיכטע הייננט אפ זעהר א סך פון דעם געשיכטע־שרייבער און נאך מעהר פון דער הערשענדער סביבה ארום. ווען רוסלאנד צוריק ווערען א צארען־מדינה וועט לענין פארנעהמען אין דער רוסישער געשיכטע דעם זעלבען פלאץ וואס סטענ־קא ראזין האט ביז איצט פארנומען, אדער אנדערע דורכגעפאלענע רעבעלען און בונטארען. ווען רוסלאנד באשערט זיין צו בלייבען די ערשטע סאציאליס־טישע מלוכה אין דער וועלט — וועט לע־נין אין דער רוסישער געשיכטע פאר־נעהמען דעם פלאץ פון אן ערלייזער, א משיח, אדער א נביא — פון א מאדער־נעם משה רבינו.

דאסזעלבע אויך וועגען ווילסאן'ען. ווען די אמעריקאנער געשיכטע געשרי־בען ווערען פון דעם קו־קלוקס־קלאן, אדער אפילו פון די קאבאטס און די לארדזשעס וועט ווילסאן אויסגעמאהלען ווערען אלס א מלמד, אלס א בטלן, א מענש וואס האט אפשר געמיינט גוט, אבער האט ניט געהאט קיין באגריף פון דער ווירקליכקייט און ווען ניט זיינע קלוגע און פראקטישע צייט־גענאסען וואלט ער חלילה נאך געווען פארשלעפט אמעריקא אין דעם אייראפעאישען זומפ דורך זיין פעלקער ליגע. פארקערט, ווען די אמעריקאנער געשיכטע געשרי־בען ווערען פון א ליבעראלען רעזשים, וועט ווילסאן געמאהלען ווערען אלס דער ערשטער גרויסער אמעריקאנער, וואס האט געוואגט חלום'ען אויף דער וואך דעם גרויסען חלום פון אייביגען וועלט־שלום, נאר ווי יעדער גרויסער מענש איז ער מיספארשטאנען געווארען און שלעכט אויסגעטייטשט געווארען אין זיין צייט.

אזוי געהט עס שוין אויף דער וועלט. יעדער וועלט סדר ניט ארויס זיינע גע־שיכטע שרייבער און אלע געשיכטע שריי־בער טייטשען אויס די פארגאנגענהייט און איהרע העלדען ווי עס לוינט זיך אמבעסטען פאר דעם באטרעפענדען רעזשים.

מיר דארפען דעריבער איבערלאזען די צוקונפט פאר דער צוקונפט און באשעפ־טיגען זיך מיט דער געגענווארט. אין אונזער צייט זיינען זיי ביידע געווען גרויס, ביידען האט מען געליבט און גע־האסט, ביידען האט מען איבערגעשעצט און אונטערגעשעצט און אויף ביידען האט מען געלייגט פון אנפאנג גרויסע האפנונגען און נאכהער זיך שטארק ענ־טוישט.

ווארום ווילסאן און לענין, אין דעם רעכטען ברען פון זייער ווירקונג, זיינען געווען א סך מעהר ווי יחידים, אפילו מעהר ווי גרויסע פערזענליכקייטען. זיי זיינען געווען סימבאלען, א פארקערפע־רונג פון צוויי וועלט אידעען, פון די צוויי וויכטיגסטע וועלט כחות. דער ערשטער איז סימבאליזירט געווארען אלס די מאכט צו בויען און דער צווייטער אלס די קראפט צו צושטערען. זיי זיינען ביידע געשטאנען אויף דעם שפיץ פון די צוויי מעכטיגסטע באוועגונגען פון זיי־ער צייט און זיי האבען ביידע ניט גע־קענט איגנארירט ווערען. יעדער איינער האט זיך געמוזט שטעלען אויף איין צד, אדער אויף דעם צווייטען.

די וועלט האט דורכגעמאכט א שרעק־ליכען קריזיס. יעדער איינער האט גע־זוכט אן אויסוועג, אן אידעע וואס זאל איהם פיהרען, און עס זיינען געווען בלויז צוויי צענטראל פיגורען וואס האבען גע־קענט אנווייזען אויף באשטימטע ריכטונ־גען — איינער, די דיקטאטור פון פרא־לעטאריאט און דער צווייטער — א פעל־קער ליגע — ווילסאן און לענין.

און איצט זיינען זיי ביידע דורכגע־פאלען — די וועלט האט זיך ענטוישט אין ביידען. לענין'ס דיקטאטור האט ניט געבראכט דעם קאמוניזם אפילו אין רוסלאנד און ווילסאן'ס פעלקער ליגע האט ניט געבראכט קיין פרידען אויף דער וועלט.

אבער לענין האט נאך זיך געלאזען א ירושה, וועגען וועלכער די יורשים קריי־גען זיך. וואס האט ווילסאן געלאזט? און אויב ניט — פארוואס ניט?

עס איז דא, פארשטעהט זיך, א גאנץ גרויסע מיינונגס פארשיידענהייט וועגען לענין'ס ירושה. ס'איז דא א מיינונג, און א גאנץ אנגעוועהענע, אז לענין'ס ירושה באשטעהט ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי פון דעם רוסישען חורבן.

דאס, קען זיין, איז זעהר אמת. אבער א חורבן איז אויך אן ענין וואס קען האבען זיינע היסטארישע פארדיענסטען. א חורבן, איבערהויפט א סאציאלער חורבן שאפט די מעגליכקייט פאר א נייעם סאציאלען בנין. זאל אפילו זיין אז לע־נין און די גאנצע באלשעוויסטישע פאר־טיי, האבען מעהר גארנישט אויפגעטאן, ווי נאר צו פארניכטען דעם אלטען צא־ריסטישען רעזשים איז דאס שוין אויך א גרויסער פארדינסט. מען קען זיי קריטי־קירען, און מיט רעכט, דערפאר וואס זיי האבען אפגעווענדעט דעם גאנג פון דער רעוואלוציע אויף פאלשע וועגען. אבער דאס פארמינערט ניט אויף א האר זייערע פארדיענסטען.

אבער ווילסאן'ס ירושה, וואו איז זי? וואס פאר א ווארצלען האט ווילסאן'ס פערזענליכקייט געלאזט אויף דער אמע־ריקאנער פאליטישען און געזעלשאפט־ליכען לעבען? וואס האט ווילסאן נאך זיך איבערגעלאזט א חוץ עטליכע צעהנד־ליג שעהנע רעדעס און נאך מעהר צו־בראכענע פארשפרעכונגען?

דעם ענטפער אויף אט דער פראגע דארף מען ניט זוכען אין די פערזענליכע כאראקטעריסטיקס פון די צוויי מענשען, נאר אין זייער אומגעבונג. ווייט ווי וויל־סאן און לענין זיינען געווען אין זייער טעמפעראמענט, אין זייער ערציהונג און פערזענליכער ערפאהרונג זיינען זיי גע־ווען נאך ווייטער אין זייער אומגעבונג.

לענין האט אין זיין הינטערגרונט גע־האט שטרענגע רעוואלוציאנערע טראדי־ציעס און א פארהארטעוועטען רעוואלו־ציאנערען געוויסען. ווילסאן, ווידער, האט אין הינטערגרונט געהאט — א קאר־ריערע פון אן אמעריקאנער קאלעדזש פראפעסאר, וואס דארף זיין אלעמאל גע־הארכזאם צו זיינע טראסטיס. אלס באר־דען פאר זיין טעטיגקייט האט לענין געהאט דעם רעוואלוציאנערען אידע־אליזם פון א לאנד, וואס האט זיך אויס־געהויבען צו דער העכסטער מדרגה פון רעוואלוציאנערען אפטימיזם און גלויבען אין דער מענשהייט. ווילסאן, פון דער צווייטער זייט, האט געהאט אלס בארען פאר זיין טעטיגקייט א באנדע מלחמה פראפיטירער, אוואנטוריסטען און פשוט שפעקולאנטען.

דער פועל יוצא איז געווען — ווען לענין האט גערעדט האט ער גערעדט, גוט אדער שלעכט, אין נאמען פון רוס־לאנד, פון דעם רעוואלוציאנערען רוס־לאנד. אבער ווען ווילסאן האט גע־רעדט — האט ער גערעדט נאר אין זיין אייגענעם נאמען.

דער ערשטער איז געווען א מייסטער און דער צווייטער — ניט מעהר ווי א ווערקצייג. א באווייז האט איהר, אז אזוי שנעל ווי די מלחמה איז פאראיבער האבען די אמת'ע בעלעבאטים פון דער לאנד ערקלעהרט, אז ווילסאן'ס פערצעהן פונקטען — זיין גרעסטער פארדינסט אלס מלחמה פרעזידענט — זיינען געווען ניט מעהר ווי מלחמה פראפאגאנדע, צו דעמאראליזירען דעם דייטשען לאגער און אז מען דארף זיי ערנסט ניט נעהמען.

און מען האט זיי טאקע ערנסט ניט גענומען. ווילסאן האט געקעמפט געגען דעם מיט אלע זיינע כחות. ער האט גע־זוכט צו ראטעווען פון זיין אידעאליסטי־שען חורבן אזוי פיעל וויפיעל ער האט נאר געקענט. ער איז איינגעגאנגען אויף אלערליי פשרות כדי צו ראטעווען ווע־ניגסטענס דעם סקעלעט פון זיין פעלקער ליגע און זיין מיה איז באלוינט געווארען טאקע מיט א — סקעלעט.

יא, לענין'ס ירושה איז אפשר ניט גרויס, אבער ער האט איבערגעלאזט יורשים.

ווילסאן האט דאס אבער אויך ניט איבערגעלאזט.

זיינע נאהענטסטע מענשען, די מיט־גלידער פון זיין קאבינעט, האבען איהם פארלאזען נאך איידער זיין פרעזידענט טערמין האט זיך געענדיגט. זיי האבען איהם פארלאזען כדי אנצונעהמען גוט־באצאהלטע שטעלעס ביים אויל מאגנאט, דאהעני, און אנדערע אויל אדער שטאהל מאגנאטען און זיי זיינען, מאנכע פון זיי ווענינסטענס, איצט שטארק אויס־געשמירט אין דעם גרויסען אויל סקאנ־דאל.

אפילו זיין פרעס אגענט, אדער זיין פובליסיטי דירעקטאר, דזשארדזש קריל, וואס איז געווען איינער פון די גרעסטע קעמפער פאר דעמאקראטיע און געגען דער באלשעוויסטישער טיראניע, האט מען אויך געכאפט ביי דער האנט נעמענ־דיג פינף טויזענד דאלאר אויל־געלט.

יא, רבותי, כדי צו ווערען גרויס דארף מען ניט נאר האבען א היסטארישע גע־לעגענהייט, נאר אויך א גינסטיגע סביבה. לענין האט זי געהאט און ווילסאן ניט. לענין האט דעריבער איבערגעלאזט א ירושה מיט יורשים און ווילסאן ניט.

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

צו דער חברותא, פון וועלכער עס הערט זיך דער קעראסין־גערוך פאר א מייל, איז צוגעקומען נאך איינער, א געוויסער באנפילס, דער רעדאק־טאר פון דער „דענווער פאסט". עס ווייזט זיך ארויס, אז דער דאזיגער הונדערט־פראצענטיגער פאטריאט, וועמעס צייטונג איז צו אלע צייטען פארביסען ארבייטער־פיינדליך, האט געקראגען פון דאהעני און סינקלער 250 טויזענט דאלער מיט דעם פארשפרעכען, דאס דעם קומענדען אפריל דארף ער קריגען נאך 750 טויזענד דאלער. פאר וואס אבער? איז די מעשה אזוי: דער דאזיגער פאטריאט האט געהאט די גוטינקע באווייזע געגען פאל און קאמפאניע, האט ער פארלאנגט א מי־ליאן דאלער שווייגעלט. און אלס אדערויף האט ער געקראגען גלייך א פערטעל מיליאן. איך שטעל מיר פאר, ווי עס האט געדרונגען די שפייעכץ ביי פילע אונזערע רעדאקטערע, ווען זיי האבען געלייענט וועגען דעם. אמת, זיי קריגען אויך גענוג פאר שווייגען. אבער, אז איינער פון זיי־ערע ברידער זאל קריגען א גאנצען מיליאן — דאס איז דאך אונערהערט! דערפאר דער כעס אויף איהם. און דערפאר טרייסלען זיי זיך אפ פון איהם. די „טיימס" זאגט, אז דער רעדאקטאר איז אן אויסוואורף אין דער אמעריקאנער עהר־ליכער פרעסע. מערקווירדיג אבער איז, דאס דער־זעלבער באנפילס, וועמעס צייטונג איז קיינמאל נאר ניט געווען עפעס אנדערש, ווי א בלעקמעיל בלאט, איז באטראכט געווען אין דער צייטונגס־וועלט בפרט, אלס גוטער קאלעגע, און אין דער קאפיטאליסטישער וועלט בכלל, אלס פיינער, פאט־ריאטישער סיטיזען.

לויט מעקאדו'ס ערקלערונג, איז ער אין דעם אויל־סקאנדאל, וועגען וועלכען עס האנדעלט זיך איצט, ניט געווען פארמישט. ער האט נאר גע־האט צו טאן מיט דאהעני'ס אויל־ביזנעס אין מעק־סיקא, פאר וואס ער האט געקראגען פון איהם הונדערט און פופציג טויזענט דאלער, וועלכע, ווי מעקאדו אליין ערקלערט, ער האט גאנץ כשר פאר־דינט. קען זיין, אז עס איז טאקע אמת, אבער מיט זיין שטרעבונג צו קענען אמאל זיין פרעזי־דענט פון די פאראייניגטע שטאטען, מוז ער זיך זאגענען. ווארים, ווי די „ווארלד" באהויפ־טעט, וועט דער אמעריקאנער עולם בשום אופן ניט דולדען איטיצען, אלס פרעזידענט, פון וועמען עס זאל זיך הערען דער מינדסטער אויל־גערוך. פרעג איך אבער די שאלה: וואו וועלען זיי קריגען אזעלכען צווישען זייערע? און, אויב דאס, וואס די „ווארלד" זאגט וועגען אונזער עולם, איז טאקע אמת, האב איך פאר איהם זעהר א גוטען פרעזידענט. איך מיין דא אונזער גענאָ־סען דעבס. אמת, ער איז א רויטער, א סאציא־ליסט, אבער די דאזיגע פעהלערען וועט דער עולם מוזען נעמען פאר גוט, ווען ער וויל באמת א פרעזידענט, וואס זאל זיך פון איהם קיין קעראסין ניט הערען.

אין אונזער פלאטען מיניסטער דענבי און אונ־זער אטארני דזשענעראל דאגערטי זיינען נאך אלץ אין אמט. דער סענאט האט טאקע מיט א מאיאריטעט שטימען באשלאסען, אז דענבי דארף גיהן: אז ער און פאל, ווי סינאטאר ריד האט זיך אויסגעדריקט, זיינען ווי די אמעריקאנער צווי־לינג, איין גוף און איין נשמה. אבער פרעזידענט קולידזש וויל דעם סענאט ניט פאלגען. ער זאגט, אז, לויט געזעץ, קאן דער סענאט איהם ניט דיק־טירען, ווי ער זאל האנדלען. און דערוויילע זעהט ער ניט איין, ווארום ער זאל מאכען דענבי צו רעזיגנירען. ווי עס זעהט אויס, וועט דא אויס־קומען, ווי אין יענער מעשה: אי דער וואלף וועט זיין זאט און אי די ציג גאנץ. דער סענאט האט זיך ארויסגעוויזען צו שטעהן אויף דער סאמע הויך פון מאראל און גע'פסק'ענט געגען דענבי, און דער אמעריקאנער עולם פיהלט זיך, נאטירליך, זעהר גוט, וואס ער האט אזא הויך־מאראלישען סע־נאט, און דענבי בלייבט אויך גאנץ, ווייל קולידזש איז נאך ניט גענוג איבערצייגט אין זיין שולד. באמונות, דער גאנצער סקאנדאל מיט זיין גאנצען געפילדער הויבט אן צו ווערען א גרויסער פארס.

אונזער גוטע „טיימס" פארפעהלט ניט קיין איינציגען טאג צו דערמאנען איהר גרויסער לע־זערשאפט, אז די איצטיגע ארבייטער רעגירונג אין ענגלאנד האלט — א, פוי שרעקליך! — אין איין מאכען קאמפראמיסען. עס איז ווירקליך צו באוואונדערען די „טיימס". געוועהנליך איז פאר איהר קאמפראמיסלעריי די בעסטע חכמה, דער סאמע שפיץ פון שטאטסמאנשאפט. נאר אז דאס זעלבע טוט אן ארבייטער רעגירונג, קאן זי איהר נאר ניט פארגעבען דעם דאזיגען חטא. און, ווער ווייסט, אויב צווישען אונזערע זייגען ניטא אזעל־כע חכמים, וועלכע קוקען קרום אויף דער ארביי־טער רעגירונג אין ענגלאנד, און מיינען, אז זי געהט נאר אויף א קרומען, געפעהרליכען וועג. שרעקט זיך ניט, איהר גוטע און פרומע לייט. נאר איינער, וואס האט ניט קיין באגריף פון דעם, וואס הייסט לעבען, קאן שטעלען אזעלכע פאדע־רונגען צו א רעגירונג, אדער זאגאר צו אן איינ־צעלנעם מענשען. לעבען מיינט אימער און שטענ־דיג מאכען קאמפראמיסען. נאר דער, וואס שטעהט אן א זייט פון לעבען, קאן בלייבען אזוי שרעקליך קאמפראמיסלאז.

לויט דעם חשבון פונ'ם דעפארטמענט און קא־מערס האט דער רייכטום פון שטאט ניו יארק בא־טראפען 96 ביליאן און 986 מיליאן דעם 31טען דעצעמבער 1922. וואס דאס מיינט, אז דער רייכ־טום פון שטאט איז פארגרעסערט געווארען אויף גאנצע 47 פראצענט אין די לעצטע 10 יאהר, און דאס יעדער איינער אין שטאט ניו יארק איז איצט רייכער, ווי מיט צעהן יאהר צוריק, אויף איבער 30 פראצענט. ווי אזוי דער דעפארטמענט האט עס אויסגערעכענט, דאס געהט מיך ניט אן. אבער מיר דאכט זיך, אז לויט דעם רייכטום פון אונ־זערע קלאוקמאכער, דרעסמאכער, שניידער, קעפ־מייקער און אז. וו. מוז דא זיין א שטיקעל טעות אין חשבון. איך בין זיכער, אז אונזערע ארביי־טער זיינען ניט נאר ניט רייכער מיט גאנצע 30 פראצענט, נאר אפילו ניט מיט דעם קלענסטען פראצענט. פרעגט זיך, וואו איז דאס געלט?

אין קווינסלענד — דער גרעסטער שטאט אין אויסטראליען — איז ניטא קיין רענט־פראגע. דארט, ווי עס דערצעהלט דער קווינסלענדער פריים מיניסטער מר. טהעאדאר, וועלכער איז געקומען אויף א וויזיט אין אמעריקא, האט די רעגירונג גענומען אויף זיך דעם דזשאב פון באזארגען די ארבייטער מיט וואוינונגען. זי האט ביז איצט שוין אויסגעבויט נייין טויזענט הייזער, און די ארבייטער צאהלען אויס די הייזער מיט דעם רענט. פארשטעהט איהר, די קווינסלענדער רע־גירונג האט נאר קיין מורא ניט שעדיג צו מאכען דעם לענדלארד'ס פרנסה. זי זארגט זיך מעהר פאר די ארבייטער, ווי פאר דעם לענדלארד. היתכן? און דער ענטפער איז א פשוט'ער. די רעגירונג אין קווינסלענד איז אן ארבייטער רע־גירונג.

לויט דער „ווארלד", וועלכע פארעפענטליכט אין די לעצטע טעג א זעהר אינטערעסאנטע און וויכטיגע סעריע איבער דעם ענין פון קינדער־ארבייט, איז יעדעס קינד פון צוועלף אין די פאראייניגטע שטאטען אונטער די יאהרען 10 און 15, א וויידזש ארבייטער. ווען קינדער־ארבייט איז געווען געזעצליך פארבאטען, האבען אויך ניט געפעהלט קיין קינדער ארבייטער. אבער זייט דער יונייטעד סטייט סופרים קאורט האט מבטל גע־ווען דעם פארבאט פון קינדער־ארבייט, ווערען די פעקטאריס אין פארשיידענע שטאטען אלץ מעהר און מעהר אנגעפילט מיט קינדער. ווירקליך, א וואונדערבארע לאנד אונזער אמעריקא. אפילו קינדער זיינען ביי אונז גרויסע פארדינער.

אין פאריז זיינען די טעג פארגעקומען ברויט ראיאטען. א לעבעל ברויט קאסט א פראנק און 25 סאנטימען. א פרייז, וואס די ארבייטער קאנ־נען ניט באצאהלען. נו, האבען זיי געמאכט א דעמאנסטראציע. רופט אן דערפאר דער קאפיטאל־פאנדערט די דעמאנסטראנטען „רויטע". אזוי ווי איינער, וואס וויל ניט שטארבען פון הונגער, מוז דוקא זיין א רויטער! אין דעם ראיאט זיינען פילע פארוואונדעט געווארען און פערציג ראיאט־טערס האט די פאליס ארעסטירט. אבער, וואס קאן עס העלפען? דאס וועט די הונגעריגע ניט זאטער מאכען, און מען קאן דאדורך באלד ערווא־רטען די ידיעה פון פראנקרייך, אז דאס גאנצע לאנד איז געווארען „רויט", באלשעוויסטיש, קאמ־מוניסטיש, אנארכיסטיש, ווייל עס וויל ניט אויס־קומען פון הונגער.

אין ווילקעסבאר, פענסילווייניא, האט דער דארטיגער חכמה'דיגער מעיאר ניט דערלאזען די אפהאלטונג פון א לענין־פארזאמלונג. ער זאגט, ער גלויבט אין פרייע רעדע, אין דער קאנסטיטו־ציע, אבער ער קאן ניט דערלאזען א פארזאמלונג, וואו מען זאל פרעדיגען קאמוניזם. היינט גיי טענה מיט אזא פון לאניקער.

דער אמעריקאנער אמבאסאדאר פון דייטש־לאנד האט זיך אנטזאגט צו האלטען די פלאג ארונ־טערגעלאזען אלס א סימן פון טרויער איבער וויל־סאנ'ס טויט. ער האט אלזא ניט געוואלט [illegible]

אין כדי מען זאל אליין ניט שאפען קיין שוועריגקייטען דורכצופיהרען דיזען פלאן, איז נויטיג אז אונזערע מעמבערס זאלען גוט פארשטעהן די שוועריגקייטען וואס מען קען ערווארטען דאס דורכצופיהרען.

וואס זיינען די שוועריגקייטען? נעמט אזא ביישפיעל:

לאמיר זאגען, דאס די באסעס האָבען איינגעשטימט, אז זיי זאלען באַשעפטיגען א געוויסע צאהל קאנטראקטארס ווי די יוניאן שלאגט פאר, און אז יעדער קאנטראקטאר מוז האבען ניט ווייניגער ווי 14 אפערייטארס. איז אום עס זאלען געשאפען ווערען גרעסערע שעפער, וועט מען מוזען צוזאמענשמעלצען די שעפער. אין אנדערע ווערטער הייסט עס, דאס עס וועט נויטיג זיין צו מאכען פון צוויי שעפער איינעם. און איצט שטעלט זיך פאר אז אין דעם טרייד זאל בלייבען אלץ ווי געווען, דאס הייסט, די יוניאן זאל ווייטער זיין פאראנטווארטליך פאר די פארשידענע פרייזען העכער פון די מינימום סקייל, מיינט עס פשוט, אז עס ווערט געשאפען אן אונמעגליכקייט דורכצופיהרען דעם פלאן, וועלכע איז דאך דער סאמע פונדאמענט פון אלע אנדערע רעפארמען וואס ווערען פארגעשלאגען אין דעזייער פראגראם.

איך רייד דא ניט וועגען דער פראגע אין אלגעמיין. איך האב אין זינען, צום ביישפיעל, אזעלכע ארגומענטען, וועלכע איינציגע גיבען אן, נעמליך, אז די יוניאן וועט דערביי פארלירען דערפאר, ווייל דער באס וועט קאנען ארונטערנעמען די פרייזען פון די ארבייטער, די וואס נעמען מעהר פון דעם מינימום־סקייל. זיי פארגעסען אבער איין זאך, אז דער איצטיגער סקייל איז ניט זעהר, וועלכער איז אויסגעשטעלט געווארען; אויפ'ן פאפיר, ווען עס איז איינגעפירט געווארען וואך־ארבייט.

ווען מיר האבען געמאכט דעם סקייל, האבען מיר ניט וויסענשאפטליך אונטערזוכט די אינדוסטריע. עס איז דאן געווען א פראגע, וויפיל יעדער איינער האט פארדינט אונטער'ן סיסטעם פון שטיק־ארבייט, קאנט איהר זיך שוין פארשטעלען אז קיין צופיל איבערצייגונג איז דארט ניט געווען. דער פאקט איז, דאס עס האט זיך טאקע ארויסגעוויזען, אז די סקיילס זיינען גאנץ אנדערע ווי די וועלכע מען האט אויסגעשטעלט אויפ'ן פאפיר. קיינער קען ניט זאגען אז די סקיילס אין אונזער אינדוסטרי זיינען הויך, דערפאר וואס עס הערשט פראספעריטי. אלע וויסען אן ענגענטייל, דאס פאר די לעצטע פאר יאהר האט אונזער טרייד געהאט זעהר שלעכטע צייטען און נאך אלעמען זיינען די סקיילס העכער, ווי עס איז פארשריבען געווארען אין אונזערע קאנטראקטען מיט די מאנופעקטשורער. באַוויזט דאס אז מיר האבען יעמאלט ניט געוואוסט באשטימט ווי איינצוגלידערן די סקיילס און ווידזשעס.

ווען איהר וועט דאס נעמען אין אנבאטראכט, וועט איהר מוזען קומען צום שלוס, אז ווען מיר וועלען איינפיהרען אין טרייד די העכערע מינימום סקיילס, וואס די גרויסע צאהל ארבייטער דארפען קריגען, קען שוין ניט זיין קיין רייד פון מורא האבען פאר די וואס קריגען מעהר ווי די סקיילס. און אויב עס וועלען זיך געפינען באסעס, וועלכע וועלען ארונטערנעמען די ווידזשעס פון די העכער־באצאהלטע ארבייטער, וועט ניט זיין קיין אורזאכע, ווארום יענע ארבייטער זאלען זיך אויסציכענען מיט זייערע אויסערגעוויינליכע פעהיגקייטען. איך דענק אבער ניט אז דאס וועט פאסירען. אלענפאלס, אויב דאס זאל אפילו פאסירען, דארף דאס אויך ניט זיין קיין שרעק. ווייל נאך אלעמען איז די יוניאן ניט געשאפען געווארען פאר די קינסטלער. די יוניאן איז מעהר פארפליכטעט צו די גרויסע מאסען, ווען אפילו א געוויסע צאהל ארבייטער זאלען דערפון ליידען. איך בין אבער איבערצייגט, אז אין אונזער טרייד וועט קיינער דערפון ניט ליידען. נאך מיין מיינונג וועט אויך דיזער רעפארם ארייןברענגען מעהר גלייכהייט אין דעם טרייד. און איך האב דא אויך אין זינען דעם קאסט ביים אויפמאכען די גארמענטס.

איך וויים, אז מאנכע מעמבערס וועלען קוקען אויף דיזער ערקלערונג ווי אויף עפעס אומפארשטענדליכעס. — דערפאר ווייל זיי וועלען דענקען, אז די פראגע פון קאסט דארף ניט האבען צו טאן מיט דער יוניאן.

צו די דאזיגע מעמבערס קען איך בלויז זאגען איין זאך, און דאס איז, אז זיי זאלען זיך מעהר אריינטראכטען אין אונזער טרייד און זיי וועלען אויסגעפינען, דאס אויב די יוניאן זאל ניט מאכען אן ענדע צו דער אונטערטעניגער האלז־שניידעריי, וואס עס עקזיסטירט איצט אין אונזער טרייד, וועלען מיר קיינמאל ניט זיין בכח עפעס צו טאן וועגען דעם פראבלעם פון קאנטראלירען דעם האנדעל. עס איז ניט א פראגע פון ביליג אדער טייער. די פראגע איז פון באגרענעצען די מעגליכקייט פון איין שאפ מיט ארבייטער ארויסצוטרייבען אין גאס א צווייטען שאפ מיט ארבייטער, דערפאר ווייל דער צווייטער שאפ האט ניט געוואלט אויסגעבען פון זיינע רעכטע וועלכע ער האט זיך ערווארבען אלס גוטער יוניאן שאפ. איך וואלט געקאנט דא ברייננען הונדערטע ביישפילע אום צו באפעסטיגען מיינע ארגומענטען. איך גלויב אבער, אז אונזערע מעמבערס וויסען דאס אליין.

ביז איצט האב איך גערעדט נאר וועגען די קלאוקמאכער. איך וויל אבער אויך מאכען איינינע באמערקונגען אין באצוג די דרעסמאכער, איידער איך שליס דיזען ארטיקעל, און דאס איז פאלגענדעס: זייענדיג מיט די דרעסמאכער איינגער פארבונדען, זעה איך אז די לאגע איז אין קיין פאל ניט אנדערש. אין אנדערע ווערטער, דער זעלביגער פראגראם מוז אנגעווענדעט ווערען צו דער דרעס אינדוסטריע, כדי צו קאנטראלירען די ארבייט.

פאר דער צייט וואס מיר זיינען צוזאמען מיט די דרעסמאכער, האב איך אנגעווענדעט אלע מעגליכקייטען צו געפינען עטוואס. וואס זאל אונטערשיידען דעם דרעס טרייד פון קלאוק טרייד, אויף אזוי פיעל עס זאל זיך פאדערען אירגענד וועלכע איבערבייטונג אין אונזער פראגראם, אין זיין שייכות צו דער דרעס אינדוסטריע. איך קאן מיט זיכערהייט זאגען, אז איך האב אזעלכעס ניט געפונען, אויף אזוי ווייט ווי איך זעה די לאגע אין אלגעמיין. אבער וועגען דער פראגע איז נאך פאראן א סך צו זאגען, אבער דאס וועל איך שוין איבערלאזען פאר א צווייטען מאל.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער

יהודית פרידמאן, פעקטארי־טשערמאן לאקאל 49, באסטאן. — בנאמנות, עס איז א פארדראס, וואס לאק. 49 פון באסטאן מאכט ניט זיין גרויסען יעהרליכען באל אין ניו יארק. ווי באריכטיג וואלטען מיר דאן געוועזען צו פארגען אייער איינלאדונג און טאנצען, האבען — אויב ניט מיט אייך, איז צוזאמען מיט אייך — „איי גוד טיים." נו, מאכט איהר אויך צו להכעיס אייער באל אין באסטאן, און באסטאן פון ניו יארק איז א שעהנער שטאָדט, און מיר מוזען זיך באגנוגענען מיט א קורצען שלום, און דאס נאך פון דער ווייטען. נאר, וואַרט, פאלט אייך די קאנווענשאן, די גרויסע אינטערנעשאנאל קאנווענשאן אין באסטאן, און מיר וועלען טרייען אונזער בעסט גוט צו מאכען אינזער פארפעהלען צו פארגען אייער איינלאדונג. איהר, פון אייער זייט, מוזט נאר זעהן זארגען, אז אייער לאקאל זאל זיין אין „טהי בעסט פאסיבעל שייפ" פאר דער גרויסער געלעגענהייט.

ל. הודאהף. — זעהר א גוטע ערצעהלונג אייערע. מיר וועלען איהר גאנץ קירצליך פאבליצירען. אין ניט לאזען איהר ווארטען אויף דער רייהע. זי האט אונז באמת געריהרט. מעהר אזעלכע שאפבילדער ווארטען געוויס זעהר וויכטיגע שענסוועטדע. און אויב איהר האט מעהר אזעלכע, שיקט זיי צו. אויב איהר הענט אמאל זיך אריינכאפען אין אפיס און זעהן אינז, ווארט עס אינז זעהר געפרעהט צו זאגען אייך פערזענליך, וואס מיר האבען געפיהלט לייענענדיג אייער ערצעהלונג: „דער איסער". אונז דאכט זיך אבער, אז דער נאמען איז ניט דער פאסענדער. ריכטיגער וועט זיין דער נאמען „רעפארנאציישאן". אבער דאס איז פון דער קלענסטער וויכטיגקייט. דאס בילד אייך איז אויסגעצייכענט געמאהלען. אונזער גראטולאציאן צו א גוטען אנפאנג.

ל. בראדפילד, מענעדזשער דעזיינער לאקאל 45. — וואלטען מיר צו יענער צייט געווען אין ניו יארק, וואלטען מיר געוויס ניט פארפעהלט צו קומען צו אייער מיטינג און צו דער עקסיבישאן וואס האט געמוזט זיין זעהר אינטערעסאנט. אבער ליידער האט א בייזע הייזעריגקייט אונז געצוואונגען צו פארלאזען ניו יארק פאר עטליכע טעג. און דאס איז די איינציגע אורזאכע, וואָרום מיר האבען ניט געקאנט ערפילען אייער בקשה. לאמיר זיך שוין באנוצען מיט דער געלעגענהייט, און אייך אויסמונטערען — אויב אזעלכעס איז נויטיג — צו אייער ארגאניזיישאן דרייוו. אונז וואונדערט ווירקליך, ווארום געראדע די דעזיינערס, וואס האבען געדארפט זיין די אינטעליגענטסטע אין אונזער אינדוסטריע, זיינען אזוי הינטערשטעליג אין דעם ענין יוניאניזם. אמאל אפשר האט זייער צוריקשטאנענקייט אין דעם פרט געקאנט ערקלערט ווערען דערמיט, וואס זיי האבען זיך געהאלטען אלס „קינסטלער", פאר צו הויך צו געהערען צו א פראסטער ארבייטער יוניאן. ווי פאסט זיך עס פאר קינסטלער! אבער דעם דאזיגען נארישען נעראנג האט דאך דער באס שוין לאנג געמוזט ארויסשלאגען פון זייערע קעפ. פילע אנדערע איז אמת'ע קינסטלער האבען יא איינגעזעהן, אז זיי, ווי די ארבייטער, זיינען ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי א קוואל פון פראפיט פאר דעם באס. און כדי דער באס זאל ניט קענען צופיל רייסען און שינדען, מוזען זיי זיך פאראייניגען. און מיר זעהען טאקע די מעהרסטע קינסטלער פאראייניגט אין יוניאנס. מוזיקער, שרייבער, אקטיארען, אלע, אלע האבען זייערע שטאַרקע יוניאנס. איז זיך צו באשיצען ווי זייט מעגליך געגען די פראפיט־אפעטיטען פון'ם באס. מה וואס פאר א גרונד ברייטט פאר די דעזיינער אפצושטעהן פון דער יוניאן? דאס איינציגע, וואס קען זיין האט זיי נאר אלץ פון דרויסען, איז דער אלטער פאראורטייל. אבער עס איז שוין הויכליך צייט, אז די דעזיינערס זאלען דאבען איהם באגראבען. און זעהען פארשטעהן, אז נאר אין איינינקייט איז מאכט! מיר ווילען האפען, אז אייער מיטינג און די עקסיביישאן האבען פיל בייגעטראגען צו אט דעם גרויסען ציל. און דאס אין דעם גרויסען שטימונגסבאר אויף דער קומענדער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל וועט זיך אויך די דעזיינער שטימע גאנץ דייטליך לאזען הערען.

בן אמין. — דאס רעדאקציאן איז אין גאנץ איבעריג. דאס איז זיינע, דאס אינזער פראץ פאר די שעהנע ליטעראטור איז זעהר באשיידענער, און שרייבער זיינען, אין עין הרע, דא גאר א גרויסע צאהל. קען עס דאך גאר ניט זיין אנדערש. אז עס זאל מוזען נעמען א שטיקעל צייט, ביז אן ערצעהלונג פון א ציפעריגען שרייבער — און מען זי זיין זעהר ניט אנגעשריבען — זאל ווערען פארעפענטליכט. וועגען דאס אנדערע האט איהר געהאנדעלט זעהר גוט. ווייל מיר דארפען ווירקליך ניט די מעגליכקייט צו דרוקען א לענגערע זאך, וואס דארף געהן אין פארטזעצונגען.

ת. — נייז, מיר האבען גארניט פארגעסען. דער בעסטער באווייז איז דער לעצטער נומער „גערעכטיגקייט". פאר וואס איהר האט שוין מיטמא געטראפען דעם ריכטיגען „כיוון". לאמיר שוין דא אייך אויך זאגען, אז מיר האבען איבערגעלייענט אייער געדרוקטע ערצעהלונג, וואס איהר האט אונז צוגעשיקט, און, ווי אונז דאכט זיך, איז עס דאס שוואכסטע, וואס מיר האבען פון אייך געלייענט. אלעס, שיינט אונז, איז דארט אויסגעטראכט, כאטש עס קען זיין, אז עס איז אן אמת'ע מעשה. דער טראבעל איז, דאס עס פעהלט אין איהר די גרויסע פארשטעהונגס און שילדערונגס קראפט, וואס קען אפילו א ליגען מאכען אויסזעהן, ווי אן אמת.

מ. רעמבאך. — דער „אינדאסטריעל ביולעטין" מיט זיינע ציפער איז געראדע א באשטעטיגונג צו דעם, וואס מיר האבען אייך געענטפערט. און דער „אינדאסטריעל בולעטין" איז ניט פאראנטווארטליך פאר די ציטונגען, וואס האבען די ציפערען אויסגעפשט'ערט. און וואלט איהר אויף דעם אנגעוויזען אין אייער בריף, וואלט איהר געזעהן פולשטענדיג גערעכט. אבער דאס האט איהר ניט געטאן, און דארום איז אונזער ענטפער צו אייך, ווי איהר ניט עס איצט אליין צו, געווען א פולשטענדיג־בארעכטיגטער.

י. ק. — אייער פאסטאל קארד מיט דעם גרוס ערהאלטען. אבער דעם ארטיקעל מיט אייערע איינדריקע וועגען לאנדאן און פאריז, וועלכע מיר זיינען זיכער, מוזען זיין זעהר וויכטיג און אינטערעסאנט, נאך ניט. וואהרשיינליך, וועט ער באלד אנקומען. און מיר וועלען געוויס איהם גלייך פארעפענטליכען. הערצליכען גרוס.

מ. קויפמאן. — האבען געלייענט די טענות אין „וועקער" צו אונז וועגען אונזער ענטפער צום סאציאליסטישען קלאוקמאכער ברענטש. זיי האבען אבער פארפעהלט אונז צו איבערצייגען, דאס מיר זיינען אומגערעכט אין אונזער שטעלונג. אונז דאכט זיך, אז מיר זיינען קאנזעקווענט אין דער אויסטייטשונג פון דער פאליסי פון דער אינטערנעשאנאל. אונז דאכט זיך, אז די אינטערנעשאנאל קען ניט, מיט איהר בעסטען ווילען, מאכען אן אויסנאהם צו גונסטען פון א סאציאל־דעמאקראטישען ברענטש, ווען זי איז געגען א קאמוניסטישען ברענטש. געוויס האט יעדער מיטגליד פון דער יוניאן א רעכט צו פראפאגאנדירען זיינע סאציאלע, פאליטישע אז קולטורעלע אנשויאונגען. דאס האבען מיר אזוי אפט ווידערהאלט, אז עס איז אונז ווירקליך איבערדריסיג צו ווידערהאלען עס אן איבעריגען מאל. און זיכער קען קיין יוניאן ניט אוועקנעהמען דאס רעכט פון אירגענד א מעמבער זיך אנצושליסען אן אירגענד וועלכער פאליטישער פארטיי און צו העלפען איהר, וויפיל ער קען, סיי מאטעריעל און סיי גייסטיג. און ווייל דאס איז דאס אומבאשטרייטבארע רעכט פון דעם מעמבער, מעג ער וועלען, אז זיין יוניאן זאל העלפען מאטעריעל זיין פארטיי דורך אן אונטערשטיצונג פון צייט צו צייט און אויך מאראליש. ער מעג זאגאר פארלאנגען, אז זיין יוניאן זאל אינגאזשירען זיין פארטיי אין א וואהל־קאמפיין. אבער דאס איז נאר ריכטיג וועגען אן איינצעלנעם מעמבער. קוים אבער בילדען זיך די איינצעלנע מעמבערס אין א גרופע, אין א ברענטש, דאן יאווען זיך די געפאהר, אז דאס, וואס מען קען ניט דורכפיהרען אויף דעם ריכטיגען וועג פון אויפקלערונג און פראפאגאנדא, זאל מען וועלען דורכפיהרען מיט געוואלט, מיט דעם מיטעל פון אן אפגעמאכטען וואוט, וועלכער איז באשלאסען געווארען אויסער דער יוניאן. און דאס קען אפט פיהרען דערצו, אז אויף דער יוניאן זאל ארויפגעצוואונגען ווערען א פאליסי, א האנדלונג, וואס איז גאר איהר צוווידער. ווארים, פארגעסט ניט, אז דער ארגאניזירטער וואוט איז אימער גובר די, וועלכע זיינען ניט ארגאניזירט. און דאס קען גאר ניט זיין אנדערש, ווי העכסט־שעדליך פאר דער יוניאן. לאמיר עס פרובירען פאר אייך קלאר מאכען דורך א ביישפיל: עס קומט אן דער פרעזידענשאפט קאמפיין. נאטירליך, ווילען די סאַציאל־דעמאקראטישע ארגאניזירטע מעמבערס אין דער יוניאן העלפען זייער פארטיי. זיי קענען איהר העלפען דורך א פערזענליכען בייטראג, און זיי קענען איהר העלפען דורך דעם, וואס זיי וועלען אויספיהרען, אז די יוניאן זאל באוויליגען א געוויסען ביישטייער: באשליסען זיי אין זייער ברענטש, אז אזא פארשלאג זאל געמאכט ווערען און אז זיי אלע זאלען זיין אויפ'ן פלאץ און זעהן, אז דער פארשלאג זאל אנגענומען ווערען. אזוי ווי זיי זיינען ארגאניזירט, און די אנדערע ניט, פיהרען זיי אויס, וואס זיי ווילען. פארשטענדליך, געפעלט עס ניט די אלע, וועלכע זיינען געקומען ניט ארגאניזירט, געקומען ווי זיך אראפ א כיסר השכר, און אויך זיי ארגאניזירען זיך. דער רעזולטאט איז, דאס עס בילדען זיך פארטייען אין דער יוניאן. און צו וואס דאס קען פיהרען, נייז, צו וואס דאס האט שוין געפיהרט, דאס האבען מיר שוין געזעהן. — ווי קען די יוניאן דאס רעדרעסען? דיינט נאר עפעס, וואס מוז גענומען ווערען אין אנבאטראכט: די ערווייטערשאנאל ליגן, ווי אנדערע ליגן, לייקענען דאך שטיין און ביין, אז זיי מישען זיך אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון דער יוניאן. מיר וויסען אבער, אז עס איז ניט אמת. א חוץ דעם, וואס מיר האבען די פאקטען דערצו, פארשטעהען מיר מיט'ן שכל, אז עס קען אנדערש ניט זיין. קלאוקמאכער ריכטען זיך צוזאמען. מען זיין פאר וועלכען צייער. אבער זייער הויפט־טעמע יועם און מוז אימער זיין די יוניאן. זיי בילדען, צו זיי וויסען עס צו ניט א קאקוס. איבער דער יוניאן. און דאס איז נאטירליך דאס זעלבע, ווי אן אויסמיידיגע קראפט וואלט רעגירט איבער דער יוניאן. מיר פארשטעהען, אז אויף דעם יוניאן מיטינג קען זיך בילדען א קאקוס. ספאנטאן. דאס פארייניען איז אינניגעליך. אין פרעזידענט זיגמאן האט גאנץ קלאר געמאכט אויף פארשיידענע מיטינגען, אז אזא מין ספאנטאנע צוזאמענריידונג איז עטוואס, וואס קען ניט פארמיידעט ווערען. ניט אדער שלעכט אבער עס מוז געדולדעט ווערען. גאנץ אנדערש אבער ווען דער קאקוס איז א שטענדיגער און ארגאניזירטער: אזעלכער מוז פריהער אדער שפעטער, מיט זיינע בעסטע אבזיכטען, ווערען שעדליך פאר דער יוניאן. אזוי פארשטעהען מיר דאס איז ניט עטוואס, וואס מיר האבען נאר וואס ערפינדען פאר דער איצטיגער אנגעלעגענהייט. נאר מיר האבען שוין געגעבען אויסדרוק צו דער דאזיגער איבערצייגונג מיט א פאר יאהר פריהער, נאך איידער די לינקס־פראגע איז געווארען א ברענענדיגע פראגע. פון דעסטוועגען האבען מיר ערקלערט אין אונזער ענטפער צום סאציאל־דעמאַקראטישען קלאוקמאכער ברענטש — זיינען מיר ניט גאנץ זיכער אויב דער ג. ע. ב. וועט אננעהמען דיזעלבע שטעלונג. אפשר טאקע דערפאר וואס די שטעלונג פון דער סאציאליסטישער פארטיי צו ארבייטער יוניאנס איז א גאנץ אנדערע, ווי די פון די קאמוניסטען — כאטש מיר געדענקען נאך די צייט, ווען אויך די סאציאליסטען האבען געהאט דיזעלבע שטעלונג, ווי די קאמוניסטען, איבערהויפט די אמאליגע ס. ל. פ. קען זיין, אז אין באצוג צום סאציאליסטישען קלאוקמאכער־ברענטש זאל די שטעלונג פון דער אינטערנעשאנאל זיין אביסעל אנדערש, ווי אונזערע. אבער אפילו דאן וועלען מיר באשטעהן, אז אזא שטעלונג איז ניט קיין לאגישע און ביז א געוויסען גראד אן אומגערעכטע. ווארים, אויב די סאציאליסטישע קלאוקמאכער מיינען טאקע נאר די פראפאגאנדא פון זייערע פאליטישע אידעען און איבערצייגונגען, קענען זיי עס אויספיהרען אם בעסטען, אנשליסענדיג זיך אין דער סאציאליסטישער פארטיי, און העלפען איהר פיהרען די פראפאגאנדא ניט בלויז פאר קלאוקמאכער, ניט בלויז פאר דרעסמאכער, נאר פאר אלע ארבייטער, פון אלע טריידס. א חוץ אלעמען באטראכט אט־וואס: וואלט אונזער אינטערנעשאנאל געוועזען אזוי פיינדליך צום סאציאליזם אדער אנארכיזם אדער קאמוניזם, וואלטען אפשר ספעציעלע ברענטשעס, קאקוסעס געווען בארעכטיגט. אבער דאס איז דאך ניט אזוי. ניטא אזא ארבייטער ארגאניזאציע, וואס איז אין איהר גייסט אזוי צוגענגליך פאר אלערליי פאליטישע איבערצייגונגען און אזוי בארייטוויליג זיי צו העלפען. טו צו וואס די ספעציעלע ברענטשעס?

אינטערנעשאנאל קאלענדאר

פון ה. סקולמאן.

היינטיגע וואך מיט 12 יאהר צוריק

פינף הונדערט בעלי מלאכות ווערען אויסגעשלאסען פון דער ארבייט ביי דער פירמע איטאן און קא. פון טאראנטא, קאנאדע. די ארטיגע דזשאינט באארד איז אנטשלאסען אנצופיהרען דיזען ביטערען קאמף ביז צו א זיג.

• • •

אין שייכות מיט דעם פארלארענעם סטרייק אין קליוולאנד פיהרט די אינטערנעשאנאל אן אגיטאציע צווישען די „בייערס מוירטשענטס" און סטארקיפערס דאס זיי זאלען ניט קויפען קיין סחורה פון די קליוולענדער מאנופעקטשורערס. די אנפיהרערין פון דיזען קאמפיין איז די באקאנטע מיס געטרוד בארנום, א טאכטער פון דעם באריהמטען שיקאגא'ער ריכטער.

• • •

מאריס בילדער, מאקס רייס, בעני ליפשיץ, לואיס פרענק, מאקס לובין און ב. לעווין האבען ביי דער פירמע א. טיימאר און קא. פון 50 איסט בראדוויי קענען ווערען די יוניאן פיהרער אז א פארביטערטען קאמף פאר די לעצטע פיר חדשים.

• • •

לאקאל 17 עקזעקוטיוו באשליסט אויסצושליסען יעדען מעמבער וועלכער וועט ארבייטען אין א שאפ וואו דער באס וועט טאן די ארבייט פון אן אפרייטאר, פרעסער, קאטער אדער פינישער.

ווי אזוי צו העלפען דער דייטשער ארבייטער באוועגונג

נדבות און קרעדיטען.

(פון אונזער אייגענעם קארעספאנדענט)

ליאן האזאנאוויטש.

בערלין. —

צוליב דער אקציאן, וואס האט זיך אנגעהויבען אין אמעריקא לטובה פון דער דייטשער ארבייטער־באוועגונג, א אקציאן, וואס איז אינדאסירט געווארען פון דער אמעריקען פעדערייששאן אוו לייבאר און ווערט אזוי ווארים אונטער־שטיצט פון דער „גערעכטיגקייט", האב איך געהאלטען פאר צוועקמעסיג צו באזוכען א רייהע פון געווערקשאפטליכע פארשטעהער און סאציאלדעמאקראטישע פאליטיקער, כדי צו הערען זייער מיינונג וועגען דעם ענין, רעכענענדיג, אז עס איז וויכטיג, אז מען זאל אין אמעריקא קענען די ווינשע פון די קאמפעטענטע דייטשע ארבייטער־פיהרער. מיינע שמועסען מיט די פארטרעטער פונ'ם דייטשען געווערקשאפטס־בונד און סאציאלדעמאקראטישע פיהרער האבען מיך איבערצייגט: 1) אז קיין דירעקטע פארשטענדיגונג צווישען די דייטשע און אמעריקאנער ארבייטער־פיהרער וועגען דער הילפס־אקציאן איז ניט פארגעקומען און 2) אז אזא פארשטענדיגונג איז אבסאלוט נויטווענדיג, אויב די הילפס־אקציאן זאל ברענגען די געוואונשטע רעזולטאטען.

די איניציאטיווע צו דער הילפס־אקציאן פאר דער דייטשער ארבייטער־באוועגונג שטאמט געווערקשאפטליך מצד דעם אמסטערדאמער אינטערנאציאנאל און פאליטיש מצד דעם ווידער פאראייניגטען סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל. וואס איז שייך צו דעם לעצטען, האט ער זייט זיין האמבורגער קאנגרעס אין מאי, 1923, ליידער קיין שום לעבען ניט ארויסגעוויזען און זיין איינציגע טאט איז ביז אהער געווען דער אויפרוף צו העלפען דער סאציאליסטישער באוועגונג פון דייטשלאנד און פראנקרייך. די אמעריקען פעדערייששאן אוו לייבאר איז נאך עד היום ניט אנגעשלאסען ביים אמסטערדאמער געווערקשאפטס־אינטערנאציאנאל — צוליב טעמים, וואס זיינען די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" גוט באקאנט — אבער זיך צו באטייליגען אין אזא אקט פון אינטערנאציאנאלער סאלידאריטעט, וואס האט דעם כאראקטער פון א ריין הומאניטארער אקציאן, האבען זיך אויך גאמפערס און זיינע חברים ניט געקענט אפזאגען, כאטש דער רוף דערצו איז געקומען פון א קערפערשאפט, וועלכע האט פאר זיי ווייניג אויטאריטעט. אויף אזא שטייגער איז די הילפס־אקציאן אין אמעריקא, וואס וועגען איהר האבען זיך צונויפגערעדט די אמעריקאנער טרייד־יוניאן־פארשטעהער און סאציאליסטישע פיהרער, אונטערגענומען געווארען לויט דער איניציאטיווע פון צוויי אינטערנאציאנאלען, פון א פאליטישען און א געווערקשאפטליכען, אבער אהן וועלכער עס איז דירעקטער פארשטענדיגונג און אפשר אויך אהן וועלכער עס איז פארשטענדיגונג איבערהויפט מיט די קערפערשאפטען אין דייטשלאנד, וואס קומען דא אין באטראכט.

אזא ארבייטס־מעטאדע קען ניט ארויסברענגען דעם מאקסימום פון גוטע רעזולטאטען, וואס זי וואלט געקענט ארויסברענגען. ווען אהן א צונויפרעדען זיך מיט די, פאר וועמען די הילף איז באשטימט, קען מען ביים בעסטען ווילען ניט שטענדיג האבען די זיכערקייט, אז מען טוט דאס ריכטיגע. די דייטשע ארבייטער־פיהרער האלטען זיך פאסיוו ביי דער זאך, זיי מישען זיך ניט אין איהר, אדער ווי וועלקער, דער איצטיגער סעקרעטער פונ'ם דייטשען געווערקשאפטס־בונד, האט זיך אויסגעדריקט אין א געשפרעך וואס איך האב געהאט מיט איהם: „מיר זיינען אין דער הילפס־אקציע ניט סוביעקטען, נאר אביעקטען, ניט קיין האנדלענדע פערזאנען, נאר פערזאנען, פאר וועלכע אנדערע האנדלען". דעם גרונד פון דער דאזיגער פאסיוויטעט האט ער מיר אויך אנגעדייט. א געפיהל פון שעהמעוודיגקייט און שטאלץ האלט אפ די דייטשע ארבייטער־פיהרער ארויסצושרייען אין דער וועלט זייער וועהטאג און צו רופען נאך הילף. און נאך עפעס: זיי ווילען גארניט אויפדעקען זייערע טיפסטע וואונדען, כדי די אונטערנעהמער זאלען זיך ניט דערוויסען וואס ביי זיי טוט זיך און זאלען ניט מיינען, אז זיי קענען זיך איצט אלץ ערלויבען געגען דעם דייטשען ארבייטער קלאס. זיי זיינען דאנקבאר פאר דאס, וואס מען טוט פאר זיי אין אנדערע לענדער, אליין האלטען זיי עס אבער פאר בכבוד'יגער, און בעסער צו שטעהן אן א זייט. זיי ווילען ניט זיין קיין „שנארער און בעטלער". ווי וועלקער האט זיך אויסגעדריקט אין אונזער אונטערהאלטונג. אפשר איז אזא טאקטיק די ריכטיגסטע, ווען מען באטראכט די הילפס־אקציאן אין אמעריקא לטובה פון דער דייטשער ארבייטער־באוועגונג אלס א ריין־פילאנטראפישע אונטערנעהמונג, ווי די פארשיידענע רעליף־אקציאנען, למשל, פון די קוויקערס צו גונסטען פון די ארימע קינדער, און דערגלייכען.

ווען מען פארשטעהט אבער אריינצולעגען א טיפערען סאציאלען זין אין דער דאזיגער הילפס־אקציאן און ווען מען פארשטעהט זי אוועקצושטעלען אויף ראציאנעלע יסודות, קען מען איהר געבען א גאנץ אנדערען פנים און א גאנץ אנדער באדייטונג, אזוי אז די דייטשע ארבייטער־פיהרער זאלען גארניט האבען זיך פארוואס מיט איהר צו שעהמען.

ווי דארף אויסקוקען די הילף פאר דער דייטשער ארבייטער־באוועגונג, א הילף, וואס זאל ווירקליך דערגרייכען איהר צוועק? כדי צו געפינען דעם ריכטיגען ענטפער אויף דער דאזיגער פראגע, מוזען מיר זיך ווערען קלאר איבער צוויי זאכען:

א) די דייטשע ארבייטער־באוועגונג נויטיגט זיך אינ'ם איצטיגען מאמענט אין באדייטענדע פינאנציעלע מאנגלען;

ב) ווי גרויס עס איז ניט היינט איהר פינאנציעלער דוחק, איז ער דאך נאר א פאראיבערגעהענדער.

מיר האבען געזעהן אין אונזער פאריגען ארטיקעל ווי שטארק איינגעפונדעוועט די דייטשע געווערקשאפטס־באוועגונג איז געווען פינאנציעל פאר דער מלחמה און אויך אין די ערשטע יאהרען נאך דער מלחמה; מיר האבען ווייטער געזעהן, אז אויב זי איז היינט פינאנציעל אויסגעלעדיגט, שטאמט דאס ניט פון אן ארגאנישען פעהלער ביי איהר, נאר פון דעם גרויסען עהרליכען פאטריאטיזם פון די ארבייטער און זייערע פיהרער, וואס איז דערגאנגען ביי זיי אזוי ווייט צו לאזען גיכער פארזינקען אין תהום זייער גרויסען אייגענס, איידער נאכצוטאן דעם קאפיטאליסטישען בייספיל און צו אינוועסטירען זייער געלד אין פרעמדער וואלוטא. נאך היינט זיינען די געווערקשאפטען אין דייטשלאנד די שטארקסטע אין דער וועלט, ניט קוקענדיג אויף דעם מורא'דיגען אינדוסטריעלען קריזיס אין דייטשלאנד, וואס האט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער היסטאריע. די יעניגע געווערקשאפטס־מיטגלידער, וועלכע האבען ארבייט, ברענגען אריין אין זייערע געווערקשאפטס־קאסען זייערע שטייערן מיט טראדיציאנעלער דייטשער פינקטליכקייט. די דייטשע געווערקשאפטען הויבען אן איצט, ווען דער געלד־קורס איז שוין ווידער באפעסטיגט, אנצוקלייבען פאנדס. עס וועט ניט נעהמען קיין לאנגע צייט און זיי וועלען ווידער באקומען א פעסטען פינאנציעלען פונדאמענט. דאס, אין וואס זיי נויטיגען זיך דרינגענד, כדי זיך צו קענען פארטיידיגען געגען די איצטיגע קאנצענטרירטע אטאקעס פונ'ם קאפיטאל, זיינען פ ר א ו ו י ז א ר י ש ע ג ר ו י ס ע מ י ט ל ע ן, און דאס קען מען ניט ערווארטען צו באקומען דורך זאמלונגען, אבער דאס וואלט מען יא קענען באקומען דורך ה ל ו א ו ת. וויכטיגער פאר אלץ איז אלזא אויסצוגעפינען וועגען ווי צו פארשאפען די דייטשע געווערקשאפטען ברייטע קרעדיטען, וועלכע זאלען צוריקגעצאהלט ווערען אדער אהן פראצענטען אדער מיט קליינע פראצענטען, אבער וועלכע זאלען פאקטיש צוריקגעצאהלט ווערען. די דייטשע געווערקשאפטען קענען אין זייער גרויסער מעהרהייט זיך אונטערנעהמען די הלוואות אויסצוצאהלען ביז צו דער לעצטער פרוטה, באזונדערס ווען מען זאל זיי ניט דריקען און זיי לאזען צייט צו קומען צו זיך. אין דייטשלאנד איז היינט אזוי גוט ווי אונמעגליך צו באקומען קרעדיט, אין יעדען פאל ניט אהן מערדערישע פראצענטען. עס איז אבער ניט איינצוזעהן קיין גרונד פארוואס די דייטשע געווערקשאפטס־פארבאנדען זאלען ניט קענען באקומען הלוואות" פון טרייד־יוניאן קאסען אין אנדערע לענדער. די צענטראלען פון די גרעסטע דייטשע געווערקשאפטס־פארבאנדען האבען אלע גרויסע אייגענע הייזער, וואס האבען, פארשטעהט זיך, זייער ווערט ניט פארלארען, און די דאזיגע בילדינגס קענען אויף דינען אלס א זיכערקייט.

די א ו נ ט ע ר ש ט י צ ו נ ג ד ו ר ך ק ר ע ד י ט איז די ווירדיגסטע און ווירקזאמסטע פארם פון אונטערשטיצונג. זי קען געגעבען ווערען אין א סך א ברייטערער מאס ווי נדבות. זי באליידיגט ניט דעם כבוד־געפיהל פונ'ם נעהמער. זי ווירקט ניט דעמאראליזירענד אויף די געבער און נעהמער. איך לייקען ניט, אז אינטערנאציאנאלע פראלעטארישע הילפס־אקציאנען אין דער פארם פון נדבות קענען אפט האבען עפעס גרויסעס און הייליגעס אין זיך, איך וויל אבער אונטערשטרייכען מיט דער גרעסטער ענערגיע, אז די דייטשע ארבייטער־באוועגונג קען א סך בעסער געהאלפען ווערען דורך קרעדיט ווי דורך נדבות. געלד־זאמלונגען דארפען איצט אויך ניט אינגאנצען אויסגעשלאסען ווערען. אין געוויסע פאלען לאזען זיי זיך לייכטער דורכפיהרען ווי הלוואות, אין געוויסע פאלען זיינען זיי די איינציגע מעגליכע פארם פון אונטערשטיצונג, אבער דער טראפ מוז געלעגט ווערען אויף קרעדיטען, דורך זיי מוז געשאפען ווערען די ג ר ו י ס ע ה י ל ף פאר'ן דייטשען ארבייטער־קלאס.

דאס, וואס איך זאג דא, איז ניט נאר מיין פערזענליכע מיינונג, דאס איז אויך

(שלוס אויף זייט 15).

די קאנסטרוקטיווע פראגראם פון אונזער אינטערנעשאנאל

פון ישראל פיינבערג,
(גענעראל סעקרעטער פון די קלאוק און דרעס־מאכער יוניאן).

איך דענק, אז ס'וועט ניט זיין אויסער'ן וועג צו זאגען א פאר ווערטער אין בעצוג די פראגען, מיט וועלכע אונזער יוניאן באשעפטיגט זיך אין דער איצטיגער צייט.

איידער איך געה אבער צו צו דעם ענין איז נויטיג, לויט מיין מיינונג, פעסטצושטעלען דעם געדאנק, דאס עס איז שוין צייט אויפצוהערען זיך צו באנוצען מיט דער מעטאדע פון איבערשרעקען זאכען, סיי פאר זיך און סיי פאר דער עפענטליכער וועלט. ווייל איך בין איבערצייגט, אז דאס האט קיינמאל ניט געבראכט די נויטיגע רעזולטאטען. פארקערט, איך דענק, אז די מעטאדע האט פיעל שאדען געבראכט דער יוניאן.

איצט צום ענין: —

אין דער לעצטער צייט געהט אן א לעבעדיגע דיסקוסיע אין אונזער יוניאן, אין בעצוג די פאדערונגען, וועלכע מיר געהען ארויסשטעלען צו אונזערע בעלי־בתים. לויט מיין מיינונג האבען אונזערע מעמבערס אביסעל פארנאכלעסיגט די פאדערונגען מיט דעם וואס זיי האבען ארויסגעכאפט איין פונקט פון דעם פראגראם, און די איבעריגע האבען זיי געלאזען שטעהן אן א זייט.

ווי מען ניט מיר איבער, זיינען אונזערע מעמבערס אביסעל פעסימיסטיש געשטימט וואס אנבאלאנגט דעם טרייד. דאס איז ביז צו א געוויסען גראד פארשטענדליך.

ווי אלע וויסען, זיינען מיר דורכגעגאנגען א שרעקליכע צייט, אבער, זיין פארצווייפעלט דארף מען ניט. מיט דעם וואס מען וועט פארלירען די האפנונגען צו פארבעסערען די לאגע אין טרייד, וועט זיך די לאגע פון זיך אליין ניט בעסערען. מיר שיינט, אז דאס דארף פארשטאנען ווערען פון יעדען מעמבער פון אונזער יוניאן.

כדי מיר זאלען קענען דורכפיהרען דיעזע פאדערונגען, מוזען מיר טאן צוויי זאכען. — ערשטענס, זיך איבערצייגען, אז די פאדערונגען זיינען גערעכטע, און — צווייטענס, מוזען מיר האבען מוט און גלויבען, אז די רעפארמען מוזען פארווירקליכט ווערען אין לעבען. כדי דאס זיך איבערצייגען, מוז מען דיסקוטירען דעם גאנצען פראגראם, און ניט בלויז דעם ערשטען פונקט, ווייל מען מוז פארשטעהן, אז אונזער טרייד איז אזוי צוזאמגעשטעלט, דאס די פראגע פון קריגען א פאר דאלאר מעהר, אדער א פאר דאלאר ווייניגער וועט ניט לייזען אלע אנגעווייטאגטע פראגען. די הויפט פראגע ביי אונז איז איצט — ווי אזוי צו קריגען קאנטראל איבער דער ארבייט. און ווען מיר וועלען דאס קריגען, וועלען מיר דאן ריידען פון ווירדזשעס. און אום צו קריגען א קאנטראל איבער דער ארבייט, שלאגען מיר פאר, צו האבען א קאנטראל איבער אלע מאנופעקטשורערס אין אונזער טרייד.

איך זאג אלע, ווייל איהר ווייסט דאך — מיר האבען ביי אונז אין טרייד א גאנץ באדייטענדע צאהל ארבייטס־געבער וואס רופען זיך בלומרשט „דזשאבערס" און ווייגענדיג „דזשאבערס" איז זיי געלונגען אריינצואווארפען די אינדוסטריע אין א כאאס און זיי האבען געבראכט די אינדוסטריע צו אן אומגעדמאלען צושטאנד. מוזען מיר דעריבער מאכען מעגליך פאר דער יוניאן צו קאנטראלירען די ארבייט.

אום דאס צו פארווירקליכען, מוזען מיר יעדען מאנופעקטשורער מאכען פאראנטווארטליך פאר דער ארבייט, וואס ער מאכט, ניט נאר אינסייד, נאר אויך די ארבייט וואס ער מאכט אויטסייד. אום דורכצופיהרען דיזע פאראנטווארטליכקייט, מוז די יוניאן זעהן, אז יעדער מאנופעקטשורער זאל באשעפטיגען די נויטיגע צאהל ארבייטער אינסייד, און, אויב ניט, זאל ער זיך אויסקלייבען א צאהל קאנטראקטארס, וועלכע זאלען איהם צושטעלען די נויטיגע צאהל גארמענטס וואס ער דארף האבען. דיזע קאנטראקטארס שעפער ווערען פארעכענט אזוי גוט ווי זיינע אייגענע שעפער, אין וועלכע ער מוז איינטיילען די ארבייט גלייך. ער קאן זיך ניט אנטזאגען מעהר זיי ניט צו געבען ארבייט אהן א גענוגענדע אורזאכע. עס מוז אויך דורכגעפיהרט ווערען דאס יעדער שאפ זאל האבען ניט ווייניגער פון 14 מאשיינערס, און די ארבייטער פון די אלע איבעריגע מאכען, וועלכע מען דארף האבען.

דורך דיזע רעפארמען וועט געשאפען ווערען א מעגליכקייט צו קאנצענטרירען אונזערע ארבייטער אין גרעסערע יוניטס. און כדי דיזע רעפארמע זאל דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען און ניט בלייבען אויף פאפיר, איז נויטיג, אז יעדער מאנופעקטשורער זאל גאראנטירען זיינע ארבייטער מיט א געוויסע צאהל וואכען ארבייט אין יאהר. ווען איך זאג גאראנטירען, מיין איך ניט אזא גאראנטי ווי מען האט פארשטאנען ביז יעצט אין דער יוניאן. אונזער פלאן איז פאלגענדער:

לאמיר זאגען, אז אונזערע מאנופעקטשורערס גאראנטירען אונז 30 וואכען ארבייט אין יאהר, און לאמיר זאגען, אז דאס מיינט 1800 דאלאר א יאהר. לאמיר אויך זאגען, אז דער באס האט 50 ארבייטער אין זיין פלאץ און זיין פעיראל איז 3 טויזענד דאלאר א וואך. לאמיר אויך אננעמען, אז מיר שטימען איין, אז וויפיל עס איז דער אלגעמיינער פעי ראל, זאל דער באס איינלייגען 15 פראצענט פון דעם אין טראסט פאנד. אלס גאראנטי, אז ער וועט אויסהאלטען דעם אגרימענט.

איצט לאמיר אננעמען, אז די ארבייטער האבען בלויז געארבייט 24 וואכען און עס האט זיך אנגעקליבען אין טראסט־פאנד פון 10 ביז 11 טויזענט דאלאר. לאמיר ווייטער אננעמען, אז די יוניאן האט א פארשטענדיגונג מיט דער פירמע, אז פאר דער צייט וואס דער באס איז ניט נאכגעקומען דעם אגרימענט, זאלען די ארבייטער קריגען צוויי דריטעל פון זייערע ווירדזשעס, אויב זיי ארבייטען ניט אינגאנצען און די געלד זאל גענוצט ווערען פון דיזען פאנד. אויב עס וועט זיך אבער ארויסווייזען אז דער באס קאן ניט נאכקומען דעם אגרימענט, וועט נויטיג זיין צו ארגאניזירען א העכערען פראצענט, וועלכער זאל איינגעליינט ווערען אין דעם פאנד. אין יעדען פאל, ווען דער באס קומט נאך דעם אגרימענט, זאל די געלד אויסגעצאהלט ווערען פון דעם פאנד צום באס. דאס וועט שאפען א פארלאנג ביי דעם באס נאכצוקומען דעם אגרימענט, כדי ער זאל קענען ארויסקריגען די גאנצע סומע געלד וואס ער האט איינגעצאהלט.

אלזא, ווי איהר זעהט, האבען מיר נאך אזא אגרימענט ניט געהאט אין אונזער אינדוסטריע. די יוניאן פארלאנגט אויך, אז א פלאן פון אינשורענס זאל איינגעפיהרט ווערען פאר די וועלכע זיינען אהן ארבייט. נאטירליך, וואס א לייבער ביורא מוז עטאבלירט ווערען, כדי דיזען פלאן צו קאנטראלירען. עס זיינען נאך פאראן פונקטען, ווי צום ביישפיעל, קאנטראלירען די ביכער פון דעם מאנופעקטשורער אין בעצוג זיין ארבייט, און אויך געוויסע רעגלען אין בעצוג די פארלעצונגען פון דעם אגרימענט.

איך נעהם אן, אז יעדער מעמבער פון אונזער יוניאן פארשטעהט די גרויסע אויפגאבע וואס אונז שטעהט בעפאר

ווי צו העלפען דער דייטשער ארבייטער באוועגונג

(שלום פון זיים 12)

די מיינונג פון קאמפעטענטע דייטשע ארבייטער-פיהרער, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו ריידען וועגען דעם ענין.

אם בעסטען וואלט געווען, אז וועגען דעם זאלען זיך פארשטענדיגען די דייטשע געווערקשאפטען מיט די אמעריקאנער אינטערנעשאנאלס דירעקט פון פארבאנד צו פארבאנד, יעדענפאלס אויף אזוי ווייט ווי דאס איז שייך צו די גרעסערע פארבאנדען. אזעלכע שריט ווערען איצט פאקטיש צוגעגרייט. עס וואלט געווען כדאי, אז די אמעריקאנער יוניאנס זאלען איבערשיקען דעלעגאציעס אהער קיין דייטשלאנד מיט'ן צוועק זיך פערזענליך צו באקענען מיט די פארהעלטניסען אין די דייטשע געווערקשאפטען און פעסטצושטעלען דורך קאנפערענצען מיט די דייטשע ארבייטער-פיהרער ווי ווייט די הילפס-אקציאן דארף געפיהרט ווערען אין דער פארם פון נדבות און ווי ווייט אין דער פארם פון קרעדיטען. ווייטער, אויף וויפיל די קרעדיטען מוזען באשטעהן אין מזומן און אויף וויפיל אין דער פארם פון לעבענס־מיטלען. די דעלעגאציעס וואלטען זיך קענען אויף אן ארט איבערצייגען פון דער קרעדיט-פעהיגקייט פון די דייטשע געווערקשאפטען און אויסארבייטען די באדינגונגען, אויף וועלכע די קרעדיטען זאלען געגעבען ווערען.

צוגעבען וויל איך נאך, אז דאס, וואס ווערט דא פארגעשלאגען, איז ניט אינגאנצען ניי. אז אין אייראפא האבען איינצעלנע דייטשע געווערקשאפטס-פארבאנדען שוין באקומען גאנץ היבשע קרעדיטען, וועלכע זיי באטראכטען פאר גאנץ ערנסטע חובות. דער דייטשער געווערקשאפטס-בונד אליין האלט איצט אין פארענדיגען בויען זיין גרויסארטיגע הויז אין בערלין צום גרויסען טייל מיט קרעדיטען פון אן אויסלענדישער ברודער־ארגאניזאציע, נאכדעם ווי דער פאנד, וואס ער האט געשאפען פאר דעם דאזיגען צוועק, איז אין דער צייט פון בויען אנטווערטעט געווארען.

דאס רעדט זיך אלץ פון די געווערקשאפטען, וועלכע האבען שטענדיג פליסענדע פינאנץ-קוואלען, וועלכע געפינען זיך נאך אינ'ם איצטיגען מאמענט אין א באזונדערס געדריקטער לאגע און וועלכע קענען געבען באווארענישען פאר די קרעדיטען, וואס זיי נעהמען אן. די הילף פאר דער דייטשער סאציאלדעמאקראטיע מוז גיכער געהן אין דער פארם פון זאמלונגען, דען פון איין זייט קענען פאליטישע פארטייען ניט רעכענען אויף אזעלכע גרויסע הכנסות אין דער צוקונפט אז זיי זאלען נאך קענען אפשפארען גענוג אויף אויסצוצאהלען אלטע חובות און פון דער אנדערער זייט זיינען די סומעס, אין וועלכע די דייטשע סאציאל-דעמאקראטיע נויטיגט זיך, דאך ניט אזוי געוואלדיג גרויס, אז זיי זאלען ניט קענען געשאפען ווערען דורך פרייוויליגע דאניישאנס אין אנדערע לענדער.

צער בעלי מתים

(שלום פון זיים 11.)

האבען געהאלטען דאס לעבען ווי א בעל־עגלה די לייצעס פון דעם פערדעל און און עס געקירעוועט וואוהין זייער גוטער אדער בייזער ווילען האט זיי דיקטירט. אויב איין מענש וואלט ווירקליך געקענט בויען אדער צושטערען וועלטען, דאן וואלט דאס לעבען גאר ניט געווען אזוי קאמפליצירט. איידער לאזען איין מענשען צ ו ש ט ע ר ע ן וועלטען גאנצע, קען מען דאך זעהר גרינג און זעהר שנעל פטור ווערען פון איין מענשען — און דאס אייגענע, אויב איין מענש קען ב ו י ע ן וועלטען, טא פאר וואס טאקע ניט דינגען איהם און באצאהלען איהם דעם העכסטען פרייז ער זאל אונז אויסבויען א שעהנע גוטע וועלט?

דער עולם אבער דערפיהלט זיך אזוי הפקר'דיג, ווען יענער ליגט א פארקיהלטער, אז זיי הויבען אן איהם צושרייבען מעשים און מאטיווען אין וועלכע ניט נאר זיי גלויבען אליין ניט, נאר וועגען וועלכע זיי האבען כסדר גע'טענה'ט אז עס ליגט גאר ניט אין רשות פון א מענשען דאס צו טאן. אז בלויז די געשיכטע, די אומשטענדען, האבען א מאנאפאל אויף אזעלכע אויפטואונגען. אי, פאר וואס זשע פארט נעהמען זיי זיך אזוי פיל פרייהייט אנטקעגען די מתים? ווייל זיי ווייסען אז די טויטע אליין ערוואכען ניט און עס איז ניטא קיינער ווער עס זאל זיך אננעהמען זייער כבוד. א הפקר-וועלט.

דעזיינערס פארלאנגט מען אלעמאל

א גוטע פראפעסיע פאר מענער און פרויען
לייכט אויסצולערנען, ברענגט גוטע פארדינסטען

נעמט א פראקטישען אונטערריכט אין דער מיטשעל סקול אין דעזיינינג פון קלאוקס, סוטס, דרעסעס, פאר קאוטס און מענער-קליידער. א קורס אין דער מיטשעל סקול מיינט צו קריגען א גוטע שטעלע און א גרעסערען געהאלט. הונדערטע מענער און פרויען האבען שוין די מיטשעל סיסטעם געלערענט און מאכען היינט א שעהן לעבען. איהר קענט עס אויך טאן.

די מיטשעל סקול אוו דעזיינינג און פעטערן מייקינג איז געגרינדעט געווארען מיט איבער 50 יאהר צוריק און האט דערגרייכט:

נייע אידעען
נייע סיסטעמען
בעסטע מעטאדען
בעסטע רעזולטאטען

פערזענליכער אונטערריכט. טאג און אווענט קלאסען. מעסיגע באדינגונגען. שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט נאך א פרייען בוקלעט מיט פולער אינפארמאציע.

פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקול.

אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג

MITCHELL DESIGNING SCHOOL
15 WEST 37th STREET, NEW YORK
Phone: Fitz Roy 1674

דער
ארבייטער רינג

אין דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

$2,500,000.00 — פארמאגט
83,000 — מיטגלידער
740 — ברענטשעס

דער ארב. רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארב. רינג שטיצט יעדען וויכטיגען עקאנאמישען און פאליטישען קאמף.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליד, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

נאר וואס ארויס פון דרוק
דער שליסעל צו דער ענגלישער שפראך.
אין ענגליש.
צוועלף לעסאנס צו לערנען שנעל און גוט די ענגלישע שפראך
בלויז $1.25
"דער שליסעל" איז אויסגעארבייט לויט א נייעם וויסענשאפטליכען סיסטעם, וואס וועט זיכער ערפילען די אויפגאבע פון בוך.
שיקט א פאסט-קארד און מיר וועלען אייך שיקען דעם בוך סי. א. די.
EDUCATIONAL INSTITUTE
1675 46th St., Brooklyn, N. Y.

איהר זייט געלאדען
צו קומען און זעהן אונזערע מאדערנע פראקטישע מעטאדען פון לערנען דעזיינינג, פעטערן מייקינג, קאפירען פון סאמפעלס, דרייפינג, גריידינג און פעשאן-סקעטשינג.
עטאבלירט דרייסיג יאהר.
די בערקאוויטש אקאדעמי
303 4טע עוו., נ. א. קאר. 23טע סט.
רום 408
ל. י. בערקאוויטש
סאלוואטאר ליקארו

ענגליש אין אייער היים
עס מאכט ניט אויס וואו איהר וואוינט, מיר שיקען אונזער עקספיריענסד לעהרער צו אייך אהיים.
בעסטע לערער, בעסטע מעטאדען, מעסיגסטע פרייזען.
PRIVATE ENGLISH SCHOOL
178 Second Ave., New York, N. Y.
Tel. Stuyvesant 0665

עליאס ליבערמאן
לאיער
366 BROADWAY
Tel. Franklin 2283
געוועזענער מענעדזשער פון די דרעס און ווייסט מאכער יוניאן פאר א משך פון יאהרען.

אויגען עקזאמינירט מיט די נייעסטע אינסטרומענטען —
אין דר. בעקער'ס אפטיקאל אפיסעס נעהמט מען ניט קיין משענסעס. דערפאר איז עס זיכער, אז דר. בעקער'ס ברילען זיינען אן אמת'ע הילף פאר'ן אויג: זיי פארשטארקען די זעה-קראפט און באפרייען דאס אויג פון אנשטרענגונג.
אלע ארבייטען ווערען געמאכט אונטער דר. בעקער'ס פערזענליכער אויפזיכט, מיט דער גרעסטער פארזיכטיגקייט.
מאנהעטען:
218 איסט בראדוויי — 2318 זיבעטע עוו.
131 סעקאנד עוו. (קאר. 8טע סט) — (צווישען 135טע און 136טע סט.)
111 איסט 23טע סט. (נעבען 4טע עוו.) — 100 לענאקס עוועניו
בראנקס:
895 פראספעקט עוו — 282 איסט פארדאם ראוד
ברוקלין:
1709 פיטקין עוועניו.
Dr. BARNETT L. BECKER
OPTOMETRIST OPTICIAN

קויפט אויסשליסליך
קאלאמביא טהעע
קועטאטשני טשאי
ווהייט לילי טהעע

נעמט אימער
HILL'S CASCARA QUININE BROMIDE
לינדערט א פערקיהלונג
אין 24 שטונדען
די גריפ אין 3 טעג
ביי אלע דראגיסטס 30 סענט
פערלאנגט די רויטע באקס
מיט הילל'ס פארטרעט
און אונטערשריפט
J—51

קלאוק אָפּערייטאָרס

מעמבערס פון לאָקאל 1, א. ל. ג. װ. י., איפּמערקזאם.

מיר װילען ציהען אייער אויפמערקזאמקייט צו דעם פאקט דאס

די אויסגאבע פון סידני וועבב איבער „טרייד יוניאניזם"

וואס ווערט ארויסגעגעבען דורך די קראפּאטקין ליטעראטור געזעלשאפט, קען מען באקומען אין אונזער לאָקאל אפיס, 128 איסט 25טע סטריט, פאר א רעדוצירטען פרייז. עס איז זעהר וויכטיג אז איהר זאָלט האָבען אין אייער היים אזא סעט ביכער פון וועבב, איהר קענט זעהר פיל לערנען און האבען פיל פערגעניגען.

ברידער, איהר קענט אויך קויפען שערס פון אונזער אינטערנעשאנאל באנק, אויף לייכטע אבצאָהלונגען אין לאָקאל אָפיס.

עקזעקוטיוו באָארד לאָקאל 1.

איבער 200 שטעדט אין ניו יארק סטייט האָבען דעם יאהר געהאָלפען דעם דענווער סאניטאריום.

איבער צוויי הונדערט שטעדט אין ניו יארק סטייט האבען דעם פארגאנגענעם יאהר געהאָלפען דעם דענווער סאניטאריום. איבער דעם גאנצען לאנד זיינען געווען איבער צוויי טויזענד שטעדט וואו די גרויסע אידישע אינסטיטוציע האט פריינד וועלכע העלפען איהר.

די צאָהל מענשען, וואס האבען פאר יאהרען געהאָלפען דעם דענווער סאניטאריום איז איבער הונדערט טויזענד.

איצט פיהרט דער דענווער סאניטאריום אן א קאמפּיין איבערען גאנצען לאנד פאר א מיליאן דאָלאר פאנד. איבער'ן גאנצען לאנד פאהרען איום פארשטעהער פון סאניטאריום, און שטיצע קומט אריין פון אומעטום.

דער מיליאן דאָלאר איז נויטיג צו צובויען א גרויסע געביידע, וואס זאל האבען פלאץ פאר איום נייע צוויי הונדערט פאציענטען און פאר אנדערע פארבעסערונגען און איינריכטונגען.

דער דענווער סאניטאריום, וואס איז דער בעסטער אידישער סאניטאריום אין דער וועלט האט ניט גענוג פלאץ פאר די וואס ווענדען זיך צו איהם. עס איז איצט דא א ווייטינג ליסט פון איבער צוויי הונדערט. די נייע געביידע וועט מעגליך מאכען אריינצונעהמען אלע.

דער ניו יארקער אָפיס פון דענווער סאניטאריום איז אין 31 יוניאן סקווער, וועסט.

איינגעבונדענע סעטס פון די „גערעכטיגקייט"

די מענעדזשמענט פון אונזער פּאבליקיישאן דעפּארטמענט גיט יעצט אפּ איינגעבינדענע סעטס פון די „גערעכטיגקייט", פאר'ן יאהר 1923. דער בוך וועט האבען א פּילען אינהאלט-פארצייכניס פון אלץ וואס איז ערשינען אין די „גערעכטיגקייט" אין פארלויף פונ'ם יאהר, עס זאל זיין לייכט צו געפינען אלץ וואס מען וויל נאָכזוכען.

די סעקרעטערע פון די לאקאלס וואס ווילען האבען א געבונדענעם בוך זאלען גלייך זיך ווענדען צו אונזער פּאבליקיישאן דעפּארטמענט, אין 3 וועסט 16טע סטריט, ניו יארק.

דער ערשטער יעהרליכער באל

פון דעם

יוניאן העלט סענטער פון אונזער אינטערנעשאנאל

וועט אפּגעהאלטען ווערען

שבת, דעם 29טען מארטש, 1924

— אין —

71טע רעדזשימענט ארמארי, 34טע סטריט און 4טע עווענויו.

די קלאוק און דרעס מאכער, די וויסט מאכער און די אנדערע ארבייטער פון דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע זיינען געבעטען ניט צו מאכען קיין אנדער אפּאינטמענט פאר דעם אווענט. איהר קענט שוין קריגען טיקעטס פאר דער אונטערנעהמונג אין אלע יוניאן אפיסעס און ביי אלע יוניאן באאמטע.

ס'וועט זיין דארט עפּעס וואס איז נאָך אויף קיין באל ניט געוועזען.

גרייט זיך אליין צו געהן צו דעם באל און זעהט אז אלע אייערע פריינד זאלען עס אויך טאן.

יוניאן העלט סענטער

דר. דזשארדזש מ. פּרייס	הערי וואנדער
דירעקטאָר	טשערמאן באארד און דירעקטארס.

קלאוק פינישערס

לאָקאל 9, אויפמערקזאם.

אויף צו די וואהלען

דאנערשטאג, דעם 21טען פעברואר

וועט פארקומען

וואהלען פאר מענעדזשער און עקזעקוטיוו באארד.

אלע פינישערס ווערען אויפגעפאָדערט צו באטייליגען זיך אין די וואלען. וואוטען וועט מען קענען פון 8 אין דער פריה ביז 8 אין אווענט, און בלויז די יעניגע, וועלכע זיינען שולדיג ניט מעהר ווי 9 מאנאטען דיוס. די פולינג פלעצער וועלען אנאנסירט ווערען אין די טעגליכע צייטונגען.

עקזעקוטיוו באארד לאָקאל 9.

ל. היימאן, מענעדזשער.	מ. יאנאוויץ, טשערמאן.

דיזען שבת אווענט די גרויסע ערעפענונג

פון פּיפּעלס רעליעף „ארט" 9-טעגיגען

באזאר און אויסשטעלונג

פון פעברואר 16טען ביז 24טען

— אין —

גרענד סענטראל פּאלעס

46טע סטריט און לעקסינגטאן עווענוי

60 „סטארס" אנגעפילט מיט די גרעסטע בארגענס, וואס זיינען ווען פארקויפט געווארען אין אמעריקא.

אריינגאנג בלויז 50 סענט

ארטיסטען :

ב. ל. הובערמאן

וועלט-באריהמטער וויאָלינים.

וו. בורסקאיא

סאפּראנא מעטראפּאליטען אפּערא הויז

און אנדערע

רעדנער :

דזשאָדזש דזשייקאב פּענקין

נאציאנאלער טשערמאן פון פּיפּעלס רעליעף „ארט".

דזש. א. העמילטאן

סעקרעטער פון סטייט, וועט פארטרעטען גאווערנאר סמיטה.

פּרעסערס

פון קלאוקס

זייט וויסען דאס די ווייער ברעטלאך צו פּרעסען ועלוועט און בעליוויע, וואס מיר האבען ביז איצט געמאכט מיט די צוגעפעכטע ליי־װענד אדער צוגעשלאגען אויף האלץ זיינען ערקלערט געווארען פון אונזער פעקטארי-דאקטאר פאר אומגעזונד צו יוזען, דען דער גערוך פון די צוזאווארימטע פעך און די צופאַרעטע האלץ קאן ברענגען צו קאנסאמפשאן.

יוזט נאר אונזער נייעם פּעטענט מיט די קופערנע לייוונד, וועלכע איז אנערקענט געווארען פון די גרעסטע עקספּערטען אין וואשינגטאן אלס העכסט סאניטארישע וויי־ער ברעטלאך.

צו באקומען ביי די

אמעריקאן פּלאש און וועלוועט פּרעס באארד קאמפּאני

123 פינפטע עווענוי ניו יארק

טעלעפאן אשלאנד 2220.

מיר פארקויפען אויך די לייטעסט סטייל ספּימערס. פּרוקענע ספּים מיט א גאראנטיע.

מיר האבען אויך פּינקינג מאשינס — די בעסטע אין מארקעט.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)
אין מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנאציאנאל ליידיס גארמענט וואָרקערס יוניאָן

Vol. VI. No. 8 | New York, Friday, Feb. 22, 1[illegible] | פרייטאג, 22טען פעברואר | PRICE 3 CENTS

Comp N 42 City St & 5 Ave Pub Library

ויִדבר מעקדאנאלד

ווער עס האט נאר געלייענט מעקדאנאלד'ס ערשטע רעדע אין פארלאמענט, זיין פראגראם־רעדע, דער האט געמוזט פיהלען בחוש דעם מארש פון דער רעוואלוציע, דאס אנקומען פון א נייע וועלט־ארדנונג.

אין דאך, דאס ווארט „רעוואלוציע" איז אפילו ניט דערמאנט געווארען.

* * *

נאך קיינמאל איז אזא פריים־מיניסטער'ס רעדע ניט געהערט געווארען אין דעם ענגלישען פארלאמענט.

די גרעסטע אראטארס פון ענגלאנד, יע, פון דער וועלט, האבען דארט געהאלטען זייערע רעדען. לאמיר דערמאנען נאר די סאמע באקאנטסטע, דיזראעלי, גלאדסטאן, פארנעל, סאליסבורי, באלפור, טשעמבערליין, אסקוויט, טשוירטשיל, לאיד דזשארדזש. מיט זעלטען־שעהנע פייער־ווערק האבען געשאסען זייערע רעדען, פראזען, וואס האבען פאר'שכור'ט, ווערטער, וואס האבען געריהרט הערצער, ווערטער־בילדער, וועלכע האבען באצויבערט. אבער דאס זיינען רעדען, צו וועלכע דער ענגלישער פארלאמענט איז שוין צוגעוואוינט. און וואלט דער נייער פריים־מיניסטער געהאלטען אזא רעדע, וואלט זי געווען בלויז א געוועהנליכע רעדע, און זי וואלט דעם מינדעסטען איינדרוק ניט געמאכט.

די רעדע אבער פון מעקדאנאלד האט געמאכט אזא טיפען, ערשיטערענדען איינדרוק, ווייל זי איז געווען די איינפאכסטע, די פראסטעסטע רעדע, וואס דער פארלאמענט און ענגלאנד האט אמאל געהערט.

אין יעדען ווארט פון מעקדאנאלד'ס רעדע האט זיך געפיהלט, אז דאס רעדט דער ארבייטער. ניט דער הויך־שטעהענדער אינטעליגענט, ניט דער ליידענשאפט־ליכער סטאמפ־ספיקער, ניט דער שריפטשטעלער, ניט דער אראטאר, נאר דער איינפאכער ארבייטער, ווי ער רעדט אין גאס, אין שאפ, אויף זיין יוניאן־מיטינג.

געלאסען און איינפאך זיינען געווען די ווערטער, אבער וואס פאר א באוואוסטזיין פון שטאלץ און מאכט עס האט געוועהט פון זיי! און דאס זיינען ניט געווען ווערטער פוסטע, אינהאלטסלאזע, וועלכע מאכען נאר א רושם, ווען זיי ווערען ארויסגערעדט, און באלד, אז מען באטראכט זיי שפעטער זעהט מען, אז עס איז גאר ניטא אין זיי. ניין, דאס זיינען געווען ווערטער וואגיגע, ווערטער פול מיט פלייש, ווערטער, וועלכע האבען אנגעזאגט דער וועלט וועגען דער געבורט פון א נייער צייט; פון א אידעאל, וואס געהט די וועלט איינצונעהמען, פון דער „נייער טרייב־קראפט פון ארבייט".

* * *

מען רעדט פון דער רוסישער רעוואלוציע, אלס אן ארבייטער־רעוואלוציע. ווי ניט אמת דאס איז! אין דער רוסישער רעוואלוציע האט דער ארבייטער גארניט געהאט וואס צו זאגען, און איצט נאך וועניגער. דאס זיינען די עטליכע אינטעליגענטען, וואס ריידען פאר איהם, האנדלען פאר איהם. און הערט איהר זיך צו צו זייערע רייד, לייענט איהר דאס, וואס זיי שרייבען, פיהלט איהר, אז דאס ריידען גאנץ פלינקע פראזען־מאכער; אז דאס שרייבען גאנץ געניטע קלוגע שרייבער, אבער איהר פיהלט ניט אין זייערע ווערטער דעם פולס, דעם הארץ־קלאפ פון דעם ארבייטער.

אין מעקדאנאלד'ס איינפאכער רעדע הערט איהר קיין אנדערען, ווי נאר דעם ענגלישען ארבייטער. אהן קונצען, אהן פליטערלאך רעדט ער וועגען זיינע טאג־טעגליכע אינטערעסען, וועגען דאס, וואס טוט איהם אם מעהרסטען וועה.

ער רעדט וועגען זיין ארבייטסלאזיגקייט, וועגען זיין דלות, וועגען זיינע שלעכטע וואוינונגען, וועגען דעם, ווי צו מאכען, אז ער זאל האבען מעהר ארבייט; ווי צו מאכען, אז דער לאנד־ארבייטער זאל קריגען גרעסערע וויידזשעס, ווי ביז איצט. ער רעדט וועגען דעם פארמער, ווי אזוי ער מוז געהאלפען ווערען כדי ארויסצוקריגען מעהר פון זיין שטיקעל ערד, ווי ביז איצט. ער רעדט וועגען קאאפעראציאן.

אלץ וואכעדיגע זאכען, אבער זאכען, וואס זיינען אין דער אמת'ען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט אין לעבען; יע, וואס זייען דאס לעבען גופא.

און פונקט אזוי איינפאך און קלאר רעדט מעקדאנאלד וועגען די הויכע ענינים, וועגען די דעליקאטע ענינים, וואס מען רופט אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען, וועגען וואס מען האט אימער נאר גערעדט אויף'ן וואונק, בחדרי חדרים, געשפילט זיך אין דיפלאמאטיע, און קיינמאל גאר ניט אויפגעטאן.

דער ארבייטער — אין דעם פערזאן פון מעקדאנאלד — וויל אבער ניט וויסען פון די אלע דיפלאמאטישע קונצען. ער אנערקענט די שוועריגקייטען, וואס שטעהען איהם פאר, אבער ער האט גענוג פארטרויען אין זיינע כוחות, און אין דער זאך פון גערעכטיגקייט, און ניט אפלייגענדיג עס, האט ער זיך שוין גענומען צו דער ארבייט, און ער ערווארט באלד זעהר גינסטיגע רעזולטאטען.

* * *

דאס איז געווען א גרויסע היסטארישע רעדע, וואס האט אנגעזאגט דער וועלט, אז דער ארבייטער, וואס איז ביז איצט געווען אזוי ווי שטום, האט אנגעהויבען צו ריידען, און אזוי ריידען, ווי קיינער ביז איהם האט נאך ניט גערעדט.

בת קול.

יענעראל סטרייק ביי די דרעס־מאכער פון שיקאגא

אלע פארבערייטונגען ווערען געמאכט פאר א גענעראל־סטרייק פון די דרעס־מאכער. — קלאוקמאכער וועלען העלפען פיקעטען די שעפער ווען דער סטרייק וועט גערופען ווערען. — אלע סטרייק קאמיטעס ווערען צו־נויפגעשטעלט. — וויים־פרעזידענט פערלשטיין איז טשערמאן פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע.

פרעזידענט מארים זיגמאן האט די וואך זיך צוריקגעקעהרט פון שיקאגא, וואו ער האט פארבראכט א זעהר ביזי וואך, באטראכטענדיג די לאגע אין דרעס־טרייד, וואו עס איז ערב א גענעראל־סטרייק. ער האט דארט געהאט מיטינגען און קאנפערענצען אי מיט די ארבייטער, אי מיט די באלעבאטים, אבער צו קיין באשטימטעס איז עס נאך דערווייל ניט געקומען.

דער באריכט, וואס פרעזידענט זיגמאן האט געבראכט פון דארט, איז ניט קיין פרעהליכער. די דרעס־מאכער ארבייטען דארט אונטער שלעכטע ארבייטס־באדינגונגען, דאס רוב פאר א קלעגליכען לוין, און די דרעס־מאנופעקטשורערס ווילען אפילו ניט הערען, ווען מען הויבט אן רעדען מיט זיי וועגען איינפיהרען פארבעסערונגען אין די שעפער. די באלעבאטים האבען ארונטער־געבראכט די אינדוסטריע צו א גאנץ נידעריגען שטאנד און ווילען גאר ניט טאן, ווען עס קומט איינצופיהרען בעסערע באדינגונגען פאר די ארבייטער. זיי ווילען, הפנים, די דרעס־מאכער זאלען דארט אייביג זיין פארשקלאפט, ווי זיי זיינען עס יעצט, און עס בלייבט פאר די ארבייטער צו זאגען זייער ווארט, צו זיי ווילען עס ווייטער דולדען אדער מאכען א סוף צו דעם דורך אן ענערגישען סטרייק, ווי דאס האבען געטאן די קלאוק מאכער אין ניו יארק, אין יאהר 1910.

אלזא, די יוניאן געהט ווייטער אן צו מאכען אלע נויטיגע פארבערייטונגען פאר דעם סטרייק, און עס איז מעגליך, אז ווען די שורות וועלען געלייענט ווערען זאל דער סטרייק שוין זיין דערקלעהרט. סיידען די דרעס־מאנופעקטשורערס וועלען זיך כאפען אין דער לעצטער מינוט, אז זיי שפילען זיך מיט פייער, אז זיי וועלען מעהר ניט קענען איינהאלטען דעם צארן פון די ארבייטער, וואס האט זיך ביי זיי אנגעקליבען דורך דער שקלאפעריי אין יענע שעפער, און זיי וועלען אין דער לעצטער מינוט קומען צו באזינונג. אויב ניט, וועט דארט געפאכטען ווערען א קאמף, פון וועלכען יענע מאנופעקטשורערס וועלען בקאומען דעם נויטיגען לעסאן. וויים־פרעזידענט פערלשטיין, צוזאמען מיט'ן דזשאינט באארד פון די קלאוק און דרעס מאכער יוניאן, זיינען פארנומען צו מאכען די לעצטע ארראנזשמענטס פאר דעם סטרייק.

אויף דעם מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעס מאכער יוניאן אין שיקאגא, לעצטען פרייטאג אווענד איז דער סטרייק געווען דער הויפט־פונקט אויף'ן טאגעס־ארדנונג.

וועגען דעם מיטינג באריכטעט דער

(שלוס אויף זייט 2.)

דעם פרייטאג א געזעצליכער יום טוב פאר די קלאוק און דרעס מאכער

דעם פרייטאג, דער 22טען פעברואר, איז וואשינגטאן'ס געבורטס־טאג. דער טאג איז א געזעצליכער יום־טוב פאר די ניו יארקער קלאוק און דרעס־מאכער. קיינער פון זיי טאר דעם טאג ניט ארבייטען. אלע וואך־ארבייטער דארפען באקומען באצאהלט פאר'ן טאג, פונקט ווי זיי וואלטען ארבייטען.

ברודער לואיס ע. לאנגער, דער סעקרעטער פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעס מאכער יוניאן, לאזט אונז וויסען, דאס אין דעם שאפ דיסטריקט וועלען פרייטאג זיין קאמיטעס פון אלע לאקאלס, וואס זיינען אונטער'ן דזשאינט באארד, אכטונג צו געבען, אז אין קיין קלאוק און דרעס שאפ זאל יענעם טאג ניט געארבייט ווערען.

זאל קיין קלאוק אדער דרעס־מאכער ניט געהן צו דער ארבייט. די קאמיטעס וועלען שטרענג אויפפאסען, און אויב מען וועט טרעפען וועמען ביי דער ארבייט, וועלען זיי גערופען ווערען צו דער גריוועאנס קאמיטע פון דער יוניאן און וועלען באשטראפט ווערען. זאלען די קלאוק־ און דרעס־מאכער ליבערשט יענעם טאג פארברענגען מיט זייערע פריינד און פאמיליעס. א טאג רוה איז ווערט גאר א סך אין דעם לעבען פון אן ארבייטער. זאלען די קלאוק און דרעס־מאכער יענעם טאג רוהען.

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 8

זייט 2. די אינסטאלירונג פון דזשאינט באארד — א סטעפ רעפארטער. אינטערנעשאנאל קאלענדאר — ה. סקולמאן. יוניאן נייעס.
זייט 3. די קלאוק פרעסערס יוניאן לאקאל 35 — דזש. ברעסלאו. צוויי עקזעקוטיוו באארד מיטינגען פון לאקאל 22 — י. שעהנהאלץ.
זייט 4. עדיוקיישאנאל נאטיצען.
זייט 5. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן — לואיס ע. לאנגער. עקזאמינערס און באנדערס יוניאן לאקאל 82 — מ. י. אשפיז.
זייט 6. פארשלאגען פאר אונזער קומענדע קאנווענשאן — ס. ראטמאן. די הילף פאר די דייטשע ארבייטער.
זייט 7. מיין שוסטער — מ. שמואלזאהן. פאסירונגען אין די ניו יארקער וויסט שעפער — פ. מארגענשטערן.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. די ראלע פון דזשאבבער אין דער קלאוק און דרעס אינדוסטריע — מארים זיגמאן.
זייט 10. די ארבייטערשאפט און קאנטראל דורך קרעדיט — דר. הערמאן פראנק. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. צוויי וויכטיגע טרייד־יוניאן קאנפערענצען אין וואשינגטאן — אב. באראף. רעזאָנירונג (געדיכט) — א. ראדוצקי.
זייט 12. וואס דער אינטערנעשאנאל איסטערן רעפרעזענטאנט האט אויפגעטאן — דזש. האלפערין. צוריק צום באנק (פעליעטאן) — דער לעבעדיגער.
זייט 13. קורצע שמועסען.
זייט 14. זאכען גוט צו וויסען. אדווערטייזמענטס.
זייט 15. אויפרוף פאר די פאלעסטינער ארבייטער. אדווערטייזמענטס.
זייט 16. פארשיידענע יוניאן נייעס.

די צוויי וויכטיגע טרייד־יוניאן קאנפערענצען אין וואשינגטאן.

אויף א צווייטען ארט אין דער צייטונג וועלען די לעזער געפינען אן ארטיקעל פון סעקרעטער באראף וועגען צוויי ספעציעלע קאנפערענצען, וואס זיינען לעצטע וואך פארגעקומען אין וואשינגטאן און צו וועלכע אונזער אינטערנעשאנאל איז גערופען געווארען אנטייל צו נעהמען.

א פולער באריכט פון אלץ, וואס איז דארט באשלאסען געווארען, וועט זיין געדרוקט אין דער „גערעכטיגקייט" די קומענדע וואך. עס וועט אויך זיין באריכטעט ווער עס האט אנטייל גענומען אין די קאנפערענצען.

וואהלען אין דער פינישערס יוניאן לאָקאל 9, קומענדען דאנערשטאג

קומענדען דאנערשטאג, דעם 21טען פעברואר, וועלען פאריקומען וואהלען אין דער לאָוס פינישערס יוניאן לאָקאל 9. די וואהלען ווערען געמאכט פאר א מענעדושער פאר דעם לאָקאל, פאר אן עקזעקוטיוו באארד און די אנדערע לאָקאל באַאמטע.

שטימען וועט מען דורך א באלאט און מען וועט קאָנען שטימען דאנערשטאג א גאנצען טאג אין די פולינג פלעצער, וואס וועלען אנאָנסירט ווערען אין דער טעגליכער פרעסע.

דאס וואס די וואהלען אין דעם לאָקאל האָבען זיך אזוי פארשפעטיגט, איז עס צוליב דעם, וואס אין דעם לאָקאל קומט פאר א גאנצע פארדרעהעניש פון „לינקע" מיט „רעכטע". דער „לינקער" עקזעקוטיוו באארד, וואס איז לעצטען יאהר ערוועהלט געוואָרען אין דעם לאָקאל, האט געזוכט צו פארוואנדלען די יוניאן אין א פאליטישען קלייזעל, אדער אין א פאליטישען דעבאטיר קלוב, און געלאָזען די ווירקליכע יוניאן אנגעלעגענהייטען, צוליב וואס די יוניאן איז געשאפען געוואָרען, פאר דאס לעצטע, און דאס האט ארויסגערופען דעם צארן פון די מיטגליעדער פון דעם לאָקאל, וואס זיינען מיט יענע לייטע ניט איינפארשטאנען, וואס ווילען האָבען אז די יוניאן זאל קודם כל זיך אפגעבען מיט יוניאן פראגען, מיט טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען. זיי טענה'ן, אז פאר פאליטישע פראגען זיינען דא פאליטישע פארטייען און די קלאוקמאכער, וואס ווילען זיך אפגעבען מיט פאליטיק, קאָנען דארט ווערען מיטגליעדער און עס טאָן דארטען.

עס איז קיין פראגע ניט, אז די צוטיילונג אין דעם לאָקאל אין „רעכטע" און „לינקע" ווערט פיל געשטערט צו אטענדען די אמת'ע יוניאן ארבייט, צו וואס די אדמיניסטראציע פון לאָקאל ווערט ערוועהלט.

פאר מענעדושער „ליפען" צוויי קאנדידאטען: ברודער ל. חיימאן, דער וואס איז איצטער אין דעם אמט, און ברודער י. עפסטיין, א מיטגליעד פון לאָקאל 9, וואס איז שוין יאהרען לאנג א ביזנעס אייזשענט פון דעם דזשאינט באארד פון די קלאוק און דרעסמאכער יוניאן. די קאנדידאטען פאר די אנדערע אמטער וועלען די לעזער געפינען אין דער אנאנסע פון דעם לאָקאל אויף א צווייטען ארט פון דער צייטונג.

מיר האלטען זיך ביי דער טראדיציע אין אונזער יוניאן ניט צו מאכען קיינע אגיטאציעס אין דער צייטונג פאר דעם צד אדער פאר יענעם. די שורות ווערען געשריבען בלויז צו דערמאנען די מיטגליעדער פון לאָקאל 9, אז קודם כל ליגט אויף זיי א הייליגע פליכט צו נעהמען אן אנטייל אין דעם לעבען פון זייער יוניאן, וואס דאס מיינט, אז זיי דארפען אין גרויסע מאסען, זיך באטייליגען אין די וואהלען. זיי, בעסער פון אלעמען, דארפען וויסען ווי אזוי זייער יוניאן דארף פארוואלטעט ווערען בכדי אפצוהיטען די אינטערעסען פון די ארבייטער אין די שעפער, און זיי דארפען שטימען פאר די פערזאנען, וואס וועלען עס טאָן אם בעסטען!

זאל די גרויסע צאהל מיטגליעדער פון לאָקאל 9 קומען שטימען פאר די וואס וועלען פארוואלטען זייער יוניאן און זאלען זיי שטימען פאר די וואס וועלען עס טאָן אמבעסטען און אמעהרליכסטען פאר די אינטערעסען פון אלע מיטגליעדער פון קלאוק פינישערס יוניאן לאָקאל 9.

דער יוניאן העלט סענטער באל מוז זיין א גרויסער ערפאלג

דאס איז דער באשלוס וואס איז אנגענומען געווארען פארגאנגענעם פרייטאג אויף דעם מיטינג און „לאַנטש" וואס דער יוניאן העלט סענטער האט געגעבען פאר אלע באאמטע פון דזשאינט באארד פון די קלאוק און דרעסמאכער יוניאן.

מיר גלויבען קוים, צי עס איז נויטיג פאר אונז באקאנט צו מאכען פאר אונזערע לעזער, וואס דער יוניאן העלט סענטער טוט פאר גאר פיעלע פון די מיטגליעדער פון אונזערע לאָקאלס און אויך פאר מיטגליעדער פון אנדערע יוניאנס, וואס קומען אהין נאך מעדיקאל אדער דענטאל הילף. יעדען טאג פון וואך זיינען די קליניקס פון דער אינסטיטוציע אנגעפילט מיט פאציענטען וואס קומען נאך הילף און אלע ווערען דארט אויפגענומען, ניט ווי אין א צדקה אנשטאלט, נאר ווי אין זייער אייגענער אינסטיטוציע.

אבער דער יוניאן העלט סענטער, אדער בעסער געזאגט, די מעדיקאל קליניקס פון דעם יוניאן העלט סענטער האבען א היבשען דעפיציט, און זיין באארד און דירעקטארס האט באשלאסען צו ארגאנזירען א שעהנעם באל אין א גרויסען פלאץ, אין דער גאנצער פראפיט זאל געהן אויף צו שאפען א פאנד צו דעקען דעם דעפיציט.

די באאמטע פון דעם דזשאינט באארד זיינען גאנץ אפט טעטיג, און העלפען מאכען פאר אן ערפאלג א סך אונטערנעהמונגען פון אינסטיטוציעס אין דער ארבייטער באוועגונג און דיזע בעאמטע זיינען גערופען געווארען צו א מיטינג ווי צו באקענען מיט דער אונטערנעהמונג פון זעהר א וויכטיגער אינסטיטוציע אין אונזער אייגענער יוניאן, זיי זאלען העלפען מאכען די אונטערנעהמונג פאר אן ערפאלג. און זייער ענטפער איז געוועזן — יע, מיר וועלען עס טאָן!

דער מיטינג פון די באאמטע איז ערעפּירט געווארען פון וויס־פרעזידענט ה. וואנדזשר, דער טשערמאן פון באארד און דירעקטארס פון יוניאן העלט סענטער, פון וויס־פרעזידענט דזש. ברעסלאו איינער פון דעם באארד און דירעקטארס.

א קורצע רעדע וועגען דער אנגעלעגענהייט האט אויך געהאלטען וויס־פרעזידענט ישראל פיינבערג, דער דזשענעראל מענעדזשער פון דעם דזשאינט באארד פון די קלאוק און דרעסמאכער יוניאן.

אלזא, די באאמטע פון דער יוניאן האבען זיך פארפליכטעט צו העלפען מאכען דעם באל פאר א גרויסען ערפאלג. זאלען די מיטגליעדער פון אונזער יוניאן זיי אין דעם בעהילפיג זיין. דער באל וועט זיין שבת אווענט, דעם 29טען מערץ, 1924, אין דער ארמארי פון 71טען רעגימענט, קארנער 34טע סטריט און פארק עוועניו. טיקעטס פאר דעם באל קען מען שוין באקומען אין אלע אפיסעס פון אונזער יוניאן.

א וויכטיגער מיטינג פון לאָקאל 82.

מאנטאג אווענט, דעם 18טען פעברואר, וועט אפגעהאלטען ווערען א וויכטיגער מעמבער מיטינג פון די עקזאמינערס, בענדארער און בושלערס יוניאן, לאָקאל 82, אין דער בילדינג פון די איטאליענישע קלאוקמאכער יוניאן, לאָקאל 48, 231 איסט 14טע סטריט.

ברודער מאריס זיגמאן, דער פרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאנאל, וועט אנוועזענד זיין אויף דעם מיטינג און ער וועט ערקלערען די פונקטען פון דער נייער אינטערנעשאנאל קאנסטרוקטיוו פראגראם. אלע מיטגליעדער פון דעם לאָקאל זיינען אויפגעפאדערט צו קומען צו דעם מיטינג.

אמעריקאנער דאלארס ווערען אויסגעצאהלט

אונזערע דעפארטמענטס
סטימשיפ טיקעטס,
נאטארי פאבליק,
טרעוועלערס טשעקס,
לעטערס אף קרעדיט,
ריזעס און אפידייווידס,
קאלעקשאנס,
אינקאם טעקס אינפארמאציע.
עקספערט פינאנשעל ארווייז
אויף אידיש, רוסיש, פויליש,
דייטש און איטאליעניש.

אין
רוסלאנד
פוילען
אוקראינע
און אנדערע צענטראל איראפייאישע
לענדער

אמעריקאנערס דאלערס ווערען געשיקט נאך
עסטרייך
אונגארן
לאטוויא
פוילען
סאוועט־רוסלאנד
אוקראינא
דייטשלאנד
רומעניע
טשעכא־סלאוואקיא

דורכ'ן פארעין עקספשיינגש דעפארטמענט פון די

אינטערנעשאנאל יוניאן באנק

די אינטערנעשאנאל יוניאן באנק האט געמאכט גוטע פארבינדונגען אריבערצושיקען אמעריקאנער דאלארס אין יענע איירא־פעאישע לענדער, וואו זייער אייגען געלט האט א קנאפען ווערט.

עס ווערט איבערגעגעבען צו אייערע קרובים די פולע סומע וואס איהר שיקט זיי, און אונזער באנק שטעלט אייך צו א רעסים וואס ווערט פון זיי אונטערשריבען.

אויב די פערזאנען צו וועלכע דאס געלט ווערט געשיקט קאנען נים אויסגעפינען ווערען, באקומט איהר דאס געלט צוריק, אזוי שנעל ווי די זאך ווערט פעסטגעשטעלט.

אונזער ביזנעס־פאליסי איז צו דינען די ארביימער וויפיל עס איז נאר מעגליך.

די אינטערנעשאנאל יוניאן באנק רעכענט דעם ביליגסטען פרייז פאר אריבערשיקען געלט.

די אינטערנעשאנאל יוניאן באנק איז א י י ע ר באנק, און איהר דארפט געבען דער באנק דעם פארצוג — עס איז נים קיין פריוואט־באנק.

קומט אדער שרייבט צו די

International Union Bank

Fifth Ave. and 21st St., New York City

Abraham Baroff, President — **Philip R. Rodriguez,** Vice-Pres. & Manager — **Philip Kaplowitz,** Cashier